NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04777

DER KINDER-DEKLAMATOR

Permanent preservation of this book was made possible
by Sterling & Nadine Rachootin
in memory of
Bill & Fanny Lenson and Isadore & Henrietta Rachootin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

קינדער־
דעקלאמאטאר.

לידער מיט צייכנונגען
אין אילוסטראציעס פאַר קינדער.

צוזאַמענגעשטעלט —

ד. קאַסעל.

פערלאַג „דאָס קינד".

ווארשא

א. גיטלין, וואַרשא,
נאַלעווקי, איוואַנאוסקי באַזאר 1.

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner Warszawa, Nowolipki 6.

אינהאַלט:

I-טע אָבטיילונג: פרילינג.	זייט
פרילינג — ש. פרוג	5
דאָס פעלד אין פרילינג — ש. פרוג	7
דער פרילינג קומט — ש. פרוג	8
קום אין וואַלד — ש. פרוג	10
אַ שענער טאָג — י. אַדלער	12
פרילינג-גלעקלעך — ה. רויזענבלאַט	13
אַ גאַסט פאַרט — מ. טייטש	16
אַ פרילינג-רעגענדיל — י. ל. פרץ	18
אין אַ טרוקענעם פרילינג-טאָג — י. פיכמאַן	19
פרילינג-קלאַנגען — מ. טייטש	20
II-טע אָבטיילונג: זומער.	
זומער — ש. פרוג	23
אַ זומער-נאַכט — ש. פרוג	25
דער אָנהויב פון אַ זומער-טאָג — מ. ראָזענפעלד	27
אין גאָרטען — ח. נ. ביאַליק	29
אונטער די גרינינקע בוימעלעך — ח. נ. ביאַליק	31
נאָך יאַגדעס אין וואַלד — מ. ראָזענפעלד	32
די גרעזעלעך בליען — י. פיכמאַן	34
אין אַ שטילער זומער-נאַכט — מ. ראָזענפעלד	36
פאַרנאַכט — ד. ראַקאָווער	37
אַ לבנה-נאַכט — יהואש	38
פראָשען-געזאַנג — ש. פרוג	40

II.

III-טע אָבטיילונג: הערבסט.

	זייט
הערבסט-אָוונד — יהואש	43
צום הערבסט-רעגען — א. פויגעלעס	45
הערבסט-קלאַנגען — ד. ראַקאָווער	46
הערבסט — א. רייזען	48
מיין פויגעלע — א. פויגעלעס	49
דער וואַלד אין הערבסט — א. רייזען	51
גיס, רעגענדיל! — א. פויגעלעס	52
הערבסט אין שטעדטיל — א. פויגעלעס	53
הערבסט-פאַרבען — א. פויגעלעס	54

IV-טע אָבטיילונג: ווינטער.

דער שליט-וועג — ש. פרוג	57
די באָבע אַסנע — א. ל. יפה	59
אַ שווערער ווינטער-וועג — מ. בר-כהן	60
אויף די פעלדער — ז. סעגאַלאָוויטש	62
שניי — יהואש	63
אויפ'ן גליטש — ליב יפה	65
ווינטער-פערגעניגען — מ. ראָזענפעלד	67
שנייעלעך — א. פויגעלעס	68
ווינטער-קלאַנגען — א. פויגעלעס	69
הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדטען! — א. רייזען	70

V-טע אָבטיילונג: שבת און יום-טוב.

„מזמור שיר ליום השבת" — יהואש	73
ליל שמורים — יהואש	75
פסח — א. פויגעלעס	76
נאָך פסח — יוסיפון	78
שבועות — ש. פרוג	79
שבועות — א. פויגעלעס	80
תשעה-באב (פראַגמענט) — א. פויגעלעס	81

זייט

אויפ׳ן בית-עולם (פראַגמענט) — א. פויגעלעס . 82
אלול — מ. ראָזענפעלד 83
צו ניי-יאָר — א. פויגעלעס. . . . 84
יום-כפור צו מנחה — מ. ראָזענפעלד . . 85
חנוכה — א. פויגעלעס 86
אין אַ פורים-טאָג — א. פויגעלעס . . . 87
אין עבור-יאָר — יוסיפון 88

VI-טע אָבטיילונג: פערשידענע לידער.

ליכט און טויען פאַר די בלומען — א. פויגעלעס. 91
אַ קאַראַהאָד — ל. ניידוס 92
אַ וויג-ליד — א. פויגעלעס 94
עס טרילערט דער קאַנאַריק — מ. ראָזענפעלד . 96
דער אָדלער — מ. ראָזענפעלד . . . 97
צו דער זון — א. פויגעלעס 98
ביים טייך — ז. סעגאַלאָוויטש . . . 100
זון-קלאַנגען I — א. פויגעלעס . . . 102
זון-קלאַנגען II — א. פויגעלעס . . . 103
אַ וויג-ליד דעם קעצעלע — א. כהן . . 104
דער אוצר (אַ מעשה׳לע) — א. פויגעלעס . . 106
דאָס יונגעל און דער טייך — ה. היינע . . 109
דער טייך — א. פויגעלעס. . . . ! 111
דער הונד וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שאָטען
(פאַבעל נאָך עזאָפּ) — יהואש. 112
די וועווערקע און דער זינגפויגעל (פאַבעל)— יהואש. 113

אַ קליין פאָרוואָרט.

דאָס יודישע קינד זאָל זיך אָנזאַפּען מיט לידער-קלאַנגען וועגען נאַטור — אַט דאָס ווילען מיר. דאָס יודישע קינד איז שטענדיג ווייט פון איר אפילו מיט'ן דמיון, און אַט ווילען מיר דורך לידער וועגען נאַטור, וואָס זענען דאָ געגעבען געוואָרען אין אַ גרעסערער מאָס, דערוועקען אין אים געדאַנקען און חושק צו איר. ליב זאָל ער זי בעקומען, ווי די קינדער פון אַלע אומות האָבען זי ליב. מיר האָבען אויך נישט אַריינגעגעבען אינ'ם קינדער-דעקלאַמאַטאָר די אַלע וויינענדיגע און טריבע לידער, וואָס זענען אפילו, לויט זייער פאָרם, פאַסענד פאַר קינדער. צו וואָס אומעט און געוויין? צו וואָס אָנזאַפּען קינדערשע הערצלעך מיט פריהיגען עצבות?

מאַנכע געצעהלטע לידער וועלען אפשר זיין צו-היבש און צו-ערנסט פאַר אַ שול-קינד. עס שאַדט אָבער נישט. די דאָזיגע לידער וועלען אויסקויפּען זייער האַרבקייט דורך די שענע קלאַנגען און דעם ריטם, וואָס זיי פערמעגען, און וועלען ענטוויקלען ביים קינד דאָס געהער און אויך אַ ליבע צו יודיש, צו אונזער האַרציגען און טייערן מאַמע-לשון. קלאַנג און ריטם פון לידער, ווען זיי ווערען געהערט און געפיהלט אין דער קינדהייט, ווערען קיינמאָל נ'ישט פערפאַלען. זיי זענען גאָלדענע קייטעלעך, וואָס שמידען-צו דאָס קינד צו דער גרויסער קייט פון זיין פאָלק און שפּראַך.

I.

פרילינג.

פרילינג.

ש. פרוג.

דאָס טייבעלע וואָרקעט
דאָס טייבעלע רופט:
„שטעהט־אויף, קינדער, ליכטיג
און פריש איז די לופט!"

עס בליען די בוימער,
עס שפּראָצען די בלומען
צו אונז איז דער פרילינג,
דער פרילינג געקומען.

פרילינג.

די פייגעלעך זינגען
אין וואַלד און אין טאָל
עס הערען זיך לידער
אַרום אַהן אַ צאָל.

די פישעלעך שווימען
אַרויף אויף די וועלען —
זיי טאַנצען אין וואַסער,
זיי שפּרינגען און קוועלען...

עס שפּראָצען די בלומען
און פריש איז די לופט...
דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט...



ש. סדוג.

דאָס פעלד אין פרילינג.

עס וואַרעמט זיך, עס פּיעסטעט זיך
דאָס גרינע אַקער-פעלד
עס שפּראָצט-אַרויס דאָס קערענדיל
דערזעהט די ליבע וועלט.

דערפיהלט די זון, די ליכטיגע
דעם פרישען, פרייען ווינד,
עס ציהט זיך צו דעם הימעל-שיין
און קוויקט זיך, ווי אַ קינד...

גענוג געלעגען טיף אין דר'ערד,
פון ליכט און לעבען ווייט,
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער-צייט.

ש. פרוג.

פרילינג.

שפראָצט-אויף, איהר, זאַנגען גאָלדענע!
און פילט זיך אָן מיט זאַפט!
פערגיס, פערפלייץ דאָס פרייע פעלד,
אָ, יונגע פרישע קראַפט!

דער פרילינג געהט! ער בליצט...
ער רוישט...
פערשוואונדען ווערען ווייט
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער-צייט!

דער פרילינג קומט.

דער פרילינג געהט מיט בליץ און דונער,
מיט העלע שטראַלען, פרישער לופט...
איך הער אַ ליבע, זיסע שטימע —
די קלינגט און לאַכט, די זינגט און רופט:

„צו מיר, אין מיינע גרינע גערטנער,
אויף מיינע פעלדער, פריש און פריי:
דאָרט הערשט פון אייביג אָן ביז אייביג
דער ליבער שענער קעניג מאַי.

ער געהט בעקראַנצט מיט פרישע רויזען,
בעשפריצט מיט טוי, ער שיינט און בליט,
און גרינעס גראָז און בלומען וואַקסען
דאָרט, וואו ער געהט, אויף יעדען אָרט.

נישטאָ פאַר אים נישט רייך, נישט אָרים,
נישטאָ פאַר אים נישט קליין, נישט גרויס,
נישטאָ קיין שטאַרקער, נישט קיין שלאַפער...
צו מיר רופט ער — פאָראויס, פאָראויס!“

כום אין וואלד.

ליכטיג שיינט דער אָוונד־שטערן;
שאָטענס ליגען אויף די פעלדער — ;
פייכטע קילקייט־וועהט און גיסט זיך
פון די גערטנער, פון די וועלדער.

און די גרויסע, אַלטע בוימע
שאָקלען מיט די גרינע בלעטער,
און מיר דאַכט זיך, אַז זיי רוישען:
„—זעה, ווי פריש דאָ איז דאָס וועטער!“

„טראָפּענס טוי, ווי טרערן, גלאַנצען
אין די לעצטע אָוונד־שטראַלען;
אין די פייכטע גרינע טאָלען
שלאָגען פרישע קאַלטע קוואַלען:

„קום אַריין אין וואַלד! מיר וועלען
דיך דערפרישען און דערקוויקען,
ווי מיט וויכע, דינע פעדים
דיך בעשפינען און בעהעפטען...

„מיט אַ שטילען, זיסען דרעמעל
וועלען מיר דיין האַרץ בעוועהען,
מיט אַ ליבען זיסען חלום
דיך דערקוויקען און דערפרעהען...

אַ שענער טאָג.

י. אדלער.

אַ שענער טאָג, אַ פרילינג-טאָג
וואַכט-אויף אין מיין זכרון,
אַ ליבער טאָג, אַ גאָלדענער,
פון מיינע קינדער-יאָרען.

איך שטיי אין אונזער גערטעלע,
די ווינשעל-ביימער בליען;
עס פלאַמען מיינע בעקעלעך,
די אייגעלעך — זיי גליען...

עס זאָגט מיר אָן די מאַמעניו:
איך זאָל זיך נישט פערגעסען,
ווען גרייכען וועט די זון צום שטאַל
דאַן זאָל איך קומען עסען.

פרילינג־גלעקלעך.

ת. רויזענבלאַט.

פרילינג, פרילינג!
בלוי און גרין!
אין דעם רויז־קוסט
שפּילט אַ בין.

אויף אַ גרעזעל,
פלינק און גרינג,
טאַנצט און גלאַנצט
דער שמעטערלינג!

פרילינג, פרילינג!
גרין און בלוי!
און די ליליע
פול מיט טוי!

„ווער וועט טרינקען?
ענטפערט גיך!"
„— טרינקען וועט דער
שטראַל און איך!"

פּרילינג, פּרילינג!
ווייס און ראָז!
רוהיג, ווינדטעל,
שטילער בלאָז!

רעגען=שטורם,
וואַרט נאָך, וואַרט!
ס'איז די בליונג
יונג און צאַרט!

פּרילינג, פּרילינג!
יונגעל, זעהסט?
אויף דעם שפּיץ פון
בוים אַ נעסט.

ס'וואוינט דער קוקו
דאָרט —, ער מאַכט:
„קו=קו! — — —קו=קו!"
טאָג און נאַכט.

„קו=קו! — — —קו=קו=ו=ו!
טשיר—טשיר—טשיררר!“
ווייסט? דאָס מיינט:
„גוט=מאָרגען דיר.“

„טווי — — טווי — — טוואו—ו—ו!
ענטפערט נאָר!
דאָס וועט הייסען:
„אַ גוט יאָר“

„קו=קו! — — —קו=קו=ו:
טשיר—טווי—טוואו!“— — —
און די גריל — זי
פייקעלט=צו

אויף אַ בלימעל,
פלינק און גרינג,
טאַנצט און גלאַנצט
דער שמעטערלינג.

אַ גאַסט פאָרט.

מ. טייטש.

אַ גאַסט פאָרט, אַ גאַסט פאָרט —
עפּענט אַלע בראָמען!
נישט אויף שליטען, נישט אויף רעדער:
טרעפט, ווי איז זיין נאָמען?

אַ גאַסט פאָרט, אַ גאַסט פאָרט —
גערעט אַרוים מיט פאָנעם:
פולע קעשענים און הויפענס
ברענגט ער אונז מַתָּנות.

נישט קיין נים און נישט קיין עפּיל,
נישט אפילו בּאַרען, —
און ער ברענגט אונז, און ער ברענגט אונז
פויגלעך גאַנצע שאַרען.

ניט קיין ביכלעך, ניט קיין צאַצקעס,
ניט אַפילו שטריקלעך, —
און ער ברענגט אונז, און ער ברענגט אונז
גראָז אויף אַלע בריקלעך.

גראָז אויף בריקלעך, זאַמד אויף בערגלעך —
ווילען מיר זיך שפּילען.
אַז מיר ווילען — איז אין פערדלעך
און אויב ניט — אין מילען.

אויב אַזוי, איז ניט געשלאָפען,
קינדער, נעמט זיך, נעמט זיך!
אוי, דער רבּי וואָלט אויך שפּילען,
נאָר דער רבּי שעמט זיך.

אַ גאַנץ פּאָרט, אַ גאַנץ פּאָרט,
עפענט אַלע בראָמען!
ניט אויף שליטען, ניט אויף רעדער —
פרילינג איז זיין נאָמען!

אַ פרילינג־רעגענדיל.

י. ל. פרץ.

קינדערלעך, אוי, קינדערלעך!
אַרעגענדיל גאָר וואונדערליך,
שמעקעדיגע טראָפּעלעך!
אַרעגענדיל איז גאָט׳ס גענאָד,
קומט אַרויס און טאַנצט אַראָד!
מיט בלויזע פיס און קעפּעלעך!

גאָרנישט קלערען, גאָרנישט פרעגען,
קינדער וואַקסען אויפ׳ן רעגען,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען.
נאַקעטע קעפּלעך, נאַקעטע פיס,
וואַקסט פון יעדען קינד אַ ריז
ביז׳ן הימעל צו דערלאַנגען.

אין אַ טרוקענעם פרילינג=טאָג.

י. פיכמאַן.

גאָט, גאָט גיב אַ רעגען
פון די קליינע קינדער וועגען!
גיב אין זכות פון קינדער קליינע
וואַסער לויטערע און ריינע,
און צוליב די קינדערס תּפלה,
זאָלען קוואַלען פליסען קילע.

גאָט, גאָט גיב אַ רעגען
פון די קליינע קינדער וועגען!
וואו אַ גראָז, אַ זאַנג אַ דאַרע —
שיק זיי שפּע פון דער כמאַרע
און פון הימעל'ס ליבע טרערען
זאָלען גרין די פעלדער ווערען

פרילינג־קלאַנגען.

מ. טייטש.

דער הימעל בלוי, דער הימעל ריין
עס גלאַנצט די זון, עס שיינט גאָט׳ס קרוין
און רוהיג, שטיל, בעוועגט זיך קוים,
וואו נאָר אַ גרעזעל, נאָר אַ בוים.

די ערד איז גרוים, די ערד איז גרוים,
זי רופט אין פעלד צו זיך אין שוים.
פער׳כשופ׳ט שטעהט, ווי אין אַ טרוים,
וואו נאָר אַ גרעזעל, נאָר אַ בוים.

אין פעלד, אין פעלד! דאָרט פראַנק און פריי
שפּאַצירט אַרום דער ליבער מאַי.
דער מאַי בעשפּריצט מיט ווייסען שוים,
וואו נאָר אַ גרעזעל, נאָר אַ בוים.

II.

זומער.

זומער

זומער.

ס. פרוג.

איך די גערטנער, איך די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען —
ווי די פרייע בלויע וועלען
רוישען, גיסען זיך און קלינגען.

זומער.

אין אַ פרישען קראַנץ פון זאַנגען,
פריי פון טרויער און פון קומער,
אויף די טאָלען, אויף די פעלדער,
שוועבט דער שענער ליבער זומער.

אויף די בוימער, וועלכע שטעהען
שוין בעוואַקסען און בעהאַנגען,
אויף די פרייע, גרינע פעלדער,
וואו די הויכע, שענע זאַנגען

בויגען-אָן די שטאָלצע קעפּלעך
איינס צום אַנדערן און זשומען:
„—אַך, ווען וועלען זיי, ווען וועלען
שוין צו אונז די שניטער קומען?״

און די שניטער געהען, אײַלען...
סערפּעס, קאָסעס גלאַנצען, קלינגען...
אויף די טאָלען, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.



אַ זומער־נאַכט.

ש. פרוג.

די נאַכט איז שטיל; די נאַכט איז פינסטער;
מיט שוואַרצע שאָטענס איז בעדעקט
דער שטילער טייך; די גערטנער שלאָפען;
עס וועהט מיט פרישען גראָז; עס שמעקט
פון וואַלד מיט שוואָמען און מיט בלומען,
די לופט איז ריין און פריש און קיל.
אַלץ שלאָפט און רוהט אין שטילען פרידען.—
נאָר פון דער אַלטער וואַסער־מיל
הער איך צוויי ליבע זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבען וואוינען דאָרט.
זיי וואָרקען, האַלזען זיך... ווי רוהיג
איז אין זייער שטילען אָרט!...

איך גיי אהין: אַנ'אַלטע ווערבע
שטעהט אויפ'ן שטילען גרינעם ברעג.
זי איז מיין פריינד, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריגע טעג.
מיר זענען ליב די אַלטע צווייגען,
וואָס הענגען אומעטיג אַראָב
גלייך ווי פאַרצייטען ביי אַנ'אָבל
די האָר פון טרויעריגען קאָפּ.
זי איז מיר ליב, די אַלטע ווערבע!
אָפט זיץ איך איינזאַם אונטער איר,
און זי בעדעקט מיך מיט די צווייג
גיסט=אויס אַ זיסע רוה אויף מיר.

דער אָנהויב פון א זומער־טאָג.

מ. ראָזענפעלד.

דער הימעל גרויט. דער מאָרגען שפּאַנט.
די שוואַרצע שאָטענס בלייבען.
די טראָפּענס טוי צורינען. —
דער העלער טאָג איז נאָהנט.
דער טאָג איז נאָהנט.

דער פייגעל וועקט: די זון געהט אויף.
דעם פּאַסטוכ'ס פּייפעל הערט זיך.
די זיסע סטאַדע רירט זיך. —
דער טאָג איז רייך,
דער טאָג איז רייך.

זומער.

דאָס פעלד איז גרין. דער טייך איז קלאָר.
די פעטע לאָנקעס ווינקען.
די גרינע בוימער רוישען. —
דער טאָג איז שײן,
דער טאג איז שײן.

אָ, זיי געגריסט, דו ליבער טאָ.
דו זיסער טאָג, דו שענער
דו לאַנג, אָ, לאַנג-בעגערטער
אָ, לאַנג-געווינשטער טאָג
געווינשטער טאָג

מ. ראָזענפעלד.



מיין גאָרטען.

ח. נ. ביאַליק.

ווילט איהר, אפשר, זיין אַ בעלן
אָנקוקען מיין שענעם גאָרטען —
זייט=זשע מוחל, קומט אַרויס,
קוקט אים אָן—אָט שטעהט ער דאָרטען.

אָהן עין הרע גרויס און רייך —
כ׳זאָג אייך, איינער אינ׳ם שטעדטעל.
זעהט נאָר, ווי עס קוועלט אין אים
יעדער בוים און יעדעס בלעטעל.

זומער.

אויסגעצוואָגען פון דעם טוי,
פון די שטראַלען אויסגעבאָדען,
שטעהען בוימער אַלערליי
מיט די פּירות אָנגעלאָדען.

שווערע עפּיל, רויטע עפּיל
בייגען צו דער ערד די צווייגען.
און די באַרן — וועהט נאָר באַרן —
הענגען שטיל זיך דאָרט און שווייגען.

שוואַרצע ווייַנשעל בלינצלען עפּיס
ממזר'ש, גנבה'ש, ווי מיט אויגען;
נו, און פלוימען—אָט די פלוימען—
מיט אַ בלויען הויך בעצויגען.

יאָ, אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען,
כ'האָב אַ רייכען, שענעם גאָרטען!
אָהן עין־הרע אָנגעפּאַקט
פּירות, פרוכט מכּל הסאָרטען.

ח. נ. ביאַליק.

אונטער די גריניגקע בוימעלעך.

ח. נ. ביאליק.

אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילען זיך משה׳לעך, שלמה׳לעך:
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה׳לעך —
יודעלעך, פרישׁ פון די אויעלעך!
גופ׳עלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך —
נעם און צובלאָז זיי אויף גלידערלעך —
כאַפּען זיי אויף גרינגע ווינדטעלעך
און עס צוטראָגען זיי פויגעלעך...

נאָר איין זאַך פערמאָגען זיי — אויגעלעך
די אויגען פערמאָגען צוויי פּינטעלעך,
וואָס גליען און פינקלען און טוקען זיך
און עפּיס ווי נביא׳יש און וואונדערליך
פערטראַכטען זיך טיף און פערקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פויגעלעך...
אוי, מיר זאָל זיין, יודישע קינדערלעך
פאַר אייערע כשר׳ע אויגעלעך!

נאָך יאַגדעס אין וואַלד.

ב. ראָזענפעלד.

פאַר דעם ציימעל נעם מיך, מאָטקע!
איך וועל זיין דיין פערד!
נעם דאָס שטריקעל פאַר אַ לייצע,
ס'שטעקעל פאַר אַ שווערד!

מאַרש אַהין, אויף יענע בערגלעך
אין די פרייע לופט!
איציק וואַרט שוין מיט אַ באַנדע —
הערסטו, ווי ער רופט?

קינדער, נישט פערגעסט די פייפלעך,
וואָס איר האָט געמאַכט!
פרעגט נאָר בערקע'ן — האָט ער אַלע
צווייגלעך שוין געבראַכט?

מאַכט זיך גרייט צום לויפען, קינדער
גיכער, נו, גאַלאָפּ!
ווייטער, ווייטער גֶעהט עס שנעלער,
פלינקער באַרג־אַראָב!

היט זיך, נישט צוברעכט די קרינגלעך!
רוהיג, מאַכט קיין גוואַלד!
ווייסט איר, וואו די יאַגדעס וואַקסען
אין דעם טיפען וואַלד?

קינדער, נעמט זיך פאַר די פאָלעס!
יודקע, גֶעה פאָראויס!
דאָ איז לייכט צו בלאָנדזען, קינדער,
אונזער וואַלד איז גרויס!

די גרעזעלעך בליען.

י. פּילמאַן.

די גרעזעלעך בליען
אין וואַלד אַלע גלייך!
אַ קינד מעג זיין פרעהליך—
צי אָרים, צי רייך.

די זון שיקט אונז אַלע
איר בְּרָכָה, איר שיין—
צי דאַרף מען דען גיטער
אויף גליקליך צו זיין?

די טייבעלעך ברומען
אַראָב פונ׳ם דאַך—
וואויל דעם, וואָס בעגערט נישט
קיין רייכקייט אַ סך.

וואויל דעם, וואָס פערמעגט נאָר
אַ הארץ, גוט און פרום,
און אויגען, וואָס קוקען
אויף קיינעם נישט קרום.

מיר אָבער דאָך זענען
גאָר קינדערלעך קליין.
אונז פּאַסט נאָר זיין פרעהליך
און טאַנצען צו געהן.

אונז פּאַסט נאָר זיך דרעהען
ראָד=אויס און ראָד=אַיין —
אַז וואויל איז אונז יודישע
קינדער צו זיין!



אין אַ שטילער זומער־נאַכט.

מ. ראָזענפעלד.

שטיל די וואָלקען אין דערלופטען.
פון אַ ווינדטעלע קיין וועהען,
פון אַ בערגעלע קיין ווינקען,
פון דעם הימעל קיין געשטער;
פון דעם טייכעלע קיין מורמעל
פון אַ בוימעלע קיין שאָקעל,
פון אַ בלעטעלע קיין שעפטשע,
פון אַ צווייגעלע קיין וויג;
פון די לעמעלעך קיין מעקען,
פון די פויגעלעך קיין פיפטשען.
פון די פליגעלעך קיין זשומען,
פון אַ ווערעמיל קיין ריר!

פארנאַכט.

ד. ראַקאָווער.

אַ פעלד מיט בלומען און אַ טייכעל.
אַ יונגעל זיצט ביים ברעג פערטראַכט.
אַ שורה אַלטע הויכע סאָסנעס.
אַנ׳אויסגעלייטערטער פאַרנאַכט.

עס איז געווען נישט לאַנג אַ רעגען,
געפאַלען איז ער קרום און גרויס,
די בלומען שמייכלען, ווי דורך טרערען,
און זעהען יונגער, פרישער אויס.

און ס׳זיצט דאָס יונגעל ביי דעם טייכעל,
זיין אויג איז אָפען, גרויס און שוואַרץ.
ער קוקט אין וואַסער אַ פערטראַכטער,
און עפּיס בענקט אין אים דאָס האַרץ.



אַ לְבָנָה־נאַכט.

יהואש.

פערהילט האָט דעם וועלדיל
אַ זילבערנער נעבעל,
בעהאַלטענדיג דאָרטען אַ שטיק פון דער נאַכט.
און איבער די פעלדער, די בלייכליכע
שטרעקעס,
געשוועבט האָבען מער נישט ווי שאָטענס
פון נאַכט.

פערוויגענדיג שטיל זיינע זילבערנע וועלען,
האָט ערגעץ אַ טייכעל געשוואומען פערבענקט.
און, שווימענדיג, נעצען געפלאָכטענע
פון שטראַלען,
וואָס אים האָט די קאַלטע לְבָנָה געשענקט.

פֿון ווייטען געצאַנקט האָבען פייערלעך קליינע —
דאָס האָט ערגיץ שטיל וואו אַ דערפעל גערוהט;
אין לופטען געוועהט האָבען וואַרימעווינדטלעך
און ליבליך געסוד׳עט: „ווי אַלץ איז דאָ גוט!“

פראָשעס-געזאַנג.

ש. פרוג.

הורררראַ! הורררראַ!
קוואַ-קוואַ!
קוואַ-קוואַ, בראַק-ברעק!
דער אָוונט לייכט,
דאָס גראָז איז גרין,
דער זאַמד איז פייכט.
קוואַ-קוואַ!
פון טייך צום ברעג,
אי אַלט, אי יונג,
אַהער, אַהער,
קוואַ-קוואַ, בראַק-ברעק!
אַ טאַנץ, אַ שפרונג,
קוואַ-קוואַ!..

III.

הערבסט.

הערבסט.



הערבסט-אָוונד.

יהואש.

קאַלט און פייכט קומט-אָן דער אָוונד,
און דער הימעל איז פערשלייערט;
פון די זומפּען און די לאָנקעס
הויבט זיך אויף אַ ווייסע פּאַרע.

פון דעם נאָנטען שטעדטיל מורמעלט
אַ געמיש פון מאַטע קולות:
ערגיץ=וואו דאָרט פאָרט אַ וואָגען
און מען הערט די רעדער קלאַפּען.

אין דער וויט פאַרבייגעפלויגען
נאָר=וואָס איז אַ שנעלער באַן=צוג,
און די שטיקער רויך, די ווייסע,
קרייזלען אויס זיך און צוגעהען...

צום הערבסט=רעגען.

א. פויגעלעס.

רעגען בייזער, רעגען קאַלטער,
האַלט אַ ווײַלע, וואַרט, נישט פאַל!
זײַפּשר וויל די זון זיך ווייזען —
לאָז כאָטש דורך איין זונען=שטראַל.

ס'איז אין דרויסען נישט צו שפּילען,
און אין שטוב איז דונקעל, טריב;
רעגען בייזער, רעגען קאַלטער,
אַך, מיר איז די זון נאָר ליב!

זון אַ ווײַלע, זון אַ רֶגַע
פון אַ קליינעם הימעל=שפּאַלט!
נאָכדעם מעגסטו גיסען ווידער,
זייען דיינע טראָפּען קאַלט...

הערבסט־קלאַנגען.

ד. ראַקאָווער.

אַ רוהיגער הימעל, געשניטענע פעלדער,
סִמָנים פון רעדער און פויערים־טריט;
אַ הויכע בעראָזע און שווייגענדע קראָהען
זיי קוקען אַרוים פון אַ צווייג זאַלבעדריט.

—

ס'איז שטיל, ווי עס וואָלט זיך געענדיגט אַ שִׂמְחָה׳
און עמיצער גרייט זיך צום שלאָפען אויף לאַנג.
די ערד האָט געבוירען, דערצויגען און איצטער
פערלאָזען דאָס גראָז און די בלום און דעם זאַנג.

—

נאָר ווידער וועט קומען אַ זומער אַ נייער
פּאַר זאַנגען און בלומען. עס וועט זיין בעשערט
דער שענסטער — דער ליליע נאָך ווידער
צו בליען,
נאָר איצט וויל זי שלאָפען, די מאַמע — די ערד.

זי וויל איצט פערגעסען דעם שמייכעל פון הימעל,
וואָס האָט איהר אין זומער אַ כשוף געבראַכט.
געוועזען איז אַ גוטער, אַ פרעהליכער זומער —
איצט וויל זי אַ לאַנגע, אַנ'איינזאַמע נאַכט.



הערבסט.

א. רייזען.

ס'איז דער הערבסט געקומען
ס'וועלקען בוים און בלום.
טויטע געלע בלעטער
וואַלגערן זיך אום.

ס'קומט אַ ווינד אַ קאַלטער,
פייפט אַ לידעל צו,
און די אָר'מע בלעטער
האָבען נישט קיין רוה:

הויבען זיך און טאַנצען
טויטערהייד, אָהן מאַכט.
און דער ווינד, דער בייזער,
פייפט און שפּילט און לאַכט.

מיין פויגעלע.

האָב איך געהאַט אַ פויגעלע
מיט פליגעלעך, ווי זייד!
האָט ס׳פויגעלע פערלאָזען מיך,
אַנטלאָפען ערגעץ וויט.

דערשראָקען האָט דער בייזער הערבסט
דאָס פויגעלע — מיין קרוין.
פער׳יתומ׳ט קלאָגט דאָס האַרץ אין מיר,
איך שמאַרק מיר — און איך וויין...

וואו ביזטו, האַרציג פויגעלע,
וואו זינגסטו דיין געזאַנג?
צי ווייסטו, גאָלדען פויגעלע:
דער הערבסט — ער ציט נישט לאַנג.

הערבסט.

ער ציט נישט לאַנג, דער בייזער הערבסט,
און ווינטער גיעהט פאַרביי.
אוי, וואַרט איך אויף דיר, פויגעלע,
קום זינג מיר אויף דאָס ניי!

אין זומער=שיין, אין זונען=ליכט,
אוי, קער צוריק צו מיר!
כ׳וועל טרייסטען זיך, כ׳וועל שטאַרקען זיך
און אויסוואַרטען אויף דיר!..

דער וואַלד אין הערבסט.

א. רייזען.

„אַך! ברעכט-אַרויס דער אַלטער וואַלד
מיט שטורם און געוויין:
וואו זענען זיי, וואָס האָבען זיי
געלאָזען מיך אַליין?

איך האָב דאָך איטליכס פויגעלע
פערזאָרגט מיט דירה, קעסט,
געגעבען פרייהייט: שפּרינגט און זינגט,
צי ליגט בערוט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינד פון הערבסט
האָט זיי נאָר אָנגערירט —
צופליגען זענען זיי פון מיר,
דעם „זיי-געזונד" פערפירט.

גים, רעגענדיל!

א. פויגעלעס.

גים, ר׳עגענדיל, גים, רעגענדיל!
טאַנץ, וואַסעריל, אויף דר׳ערד!
העַי, ריטשקעלעך, העַי, דונקעלע
פערגרעסערט זיך, פערמערט!

נישטאָ קיין זון אין הערבסט-רעגען
דער הימעל איז, ווי בליי!
נאָר לויפען קאָנען וואַסערלעך
אין הערבסט אַפילו פריי!

גים, רעגענדיל, לויף, וואַסעריל,
פיל-אָן די לופט מיט קלאַנג!
איצט זינגט דעם הערבסט קאַפּעליע נאָר,
איצט פליסט דער הערבסט-געזאַנג!

הערבסט אין שטעדטיל.

א. פויגעלעס

דער הימעל ועט-אויס, ווי דער ווידע
נאָך סוכות,
דער ווידע איז גרוי, ווי דער הימעל בייטאָג.
דורך ווינד און דורך רעגען, אַ קורצער,
אַ געלער,
שפּאַנט-דורך, ווי געגַנב'עט, אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

עס טראָגען זיך נעבלען אַרום איבער שטעדטיל
און וויקלען די גאַס, ווי אין האָריגען פּוך,
די ערד איז אַ ווייכע, אַזוי ווי צושמאָלצען, —
עס טרעט ווי אויף קישענס, אויף נאַסע,
דער שוך.

ביינאַכט ברענען לאָמפּען אין רעדער פון פאַרבען
און ס'בילען פון וויטען דערשראָקענע הינד.
דער הימעל הענגט איבען אָהן גאָלדענע אויגען—
דער הימעל דער גוטער, דער ליבער
איז בלינד...

הערבסט-פאַרבען.

א. פויגעלעס.

ס'האָט דער הערבסט אויך שענע פאַרבען —
פאַרבען רויטע,
הימלען ברייטע,
פעלדער — פריי פון קאָרי[illegible]

—

רויטע הימלען, פרייע פעלדער —
געלב מיט גרויען!
טיף אין בלויען
קוקען שטאָלץ פון ווייט די וועלדער;

—

וואו-נישט-וואו נאָך לעצטע בלומען.
פון אַ הייזעל
ציט אַ קרייזעל
רויך — און ווערט אין לופט צושוואומען.

VI.

ווינטער.

ווינטער.

דער שליט=וועג.

ש. פר״ ״

דער שניי איז געגאַנגען צוויי טעג נאָכאַנאַנד,
אַ שליט=וועג — אַ חיות געוואָרען.
די פערדעלעך שטעהען אין שליטען געשפּאַנט
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיג צום פאָרען.

ש. פרוג.

אַי, פערדעלעך=חיות! נו, זעצט זיך און פּאָר!
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטען;
צוויי פערד פון די זייטען, ווי הירשען אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לייב אין דערמיטען.

דער קוטשער נעמט באַלד אַלע לייצעס
אין האַנד:
—נו, קינדערלעך, לעבעדיג, פרעהליך!"
דעם שליטען כאַפּט=אויף מיט אַמאָל,
ווי אַ בראַנד...
— שטעה, אייל זיך נישט, וואַרט=וואַרט,
פּאַמעליך!

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי אַ פויגעל, אַ ווינד,
אַ פייל פון'ם בויגען, אַ וויכער, —
זיי לויפען, זיי שוועבען, זיי פליען געשווינד,
וואָס ווייטער אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד, ווי אַ שפּיגעלע גלאַט,
די זון שיינט פון אַלע פיר זייטען,
דער קוטשער — אַ מזיק, די פערדעלעך — זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

די באָבע אַסנע.

א. ל. יפה.

פערוויקעלט אין אַ גרויען טוך,
טראָגט זי אַ פערינקע אין האַנד,
און שיט און שפרייט דעם קאַלטען פוך
איף וועג און שטעג, אויף שטאָדט און לאַנד.

אָט איז שוין וויים דער שינדעל־דאַך,
דער ברוק אין גאַס און אויפ'ן מאַרק,
אָט זענען שוין די צווייגלעך סַך
בעהויכט מיט זילבער אינ'ם פּאַרק.

עס פליען שליטעלעך אום פיל,
מיט קלאַנג פון גלעקעלעך בעגלייט.
און אין דער הויך שוועבט גרוי און שטיל
די אַלטיטשקע און שיט און שפרייט...

אַ שווערער ווינטער-וועג.

מ. בר-כהן.

וואַלד פון הינטען,
וואַלד פון פאָרענט,
אויף די זייטען וואַלד;
און דער פורמאַן
אַלט, בעיאָרענט,
און דאָס פערדיל אַלט.

נאַכט פון הינטען,
נאַכט פון פאָרענט,
אויף די זייטען נאַכט;
און דער פורמאַן
שרייט און וואָרענט
און דאָס שליטעל קראַכט.

ווייס פון הינטען,
ווייס פון פאָרענט,
אויף די זייטען ווייס;
און דער פורמאַן
בייז, פערצאָרענט,
וויאָ'קעט ציטענווייז.

„וויאָ!“ — אַ פייערדיל
פון ווייטען
קוקט אַהער און ווינקט;
נייגט זיך, בייגט זיך,
אויף די זייטען,
הויבט זיך אויף און זינקט.

„וויאָ!“ — דאָס פייערדיל
פון ווייטען
קוקט און פליט אַהער:
„זאָל אַנ׳אָברוה
דאָס בעטייטען?“ —
גיט דאָס האַרץ אַ קלער.

„וויאָ!“ — דאָס פייערדיל
פון ווייטען
פליט און פליט... פאַרביי.
ס׳קוקט דער פורמאַן
אויף די זייטען,
וויאָ׳קעט אויף דאָס ניי.

אויף די פעלדער.

ז. סעגאַלאָוויטש.

אויף די פעלדער איז עמיץ
א ווייסער געפלויגען,
ער האָט אַלע טייכלעך
מיט זילבער בעצויגען.

ער האָט אויף די לאָנקעס
זיין מאַנטעל פערלאָרען.
גאָט׳ס וועלט איז פון דעמאָלט
אַ ווייסע געוואָרען.

שנײ.

יהואש.

פון גרויען פערגליווערטען אַיר
אַנ׳איינציג קליין שנייעלע קומט
און קריגט באַלד אַ חבֿר,
אוןביידע זיך דרעהען
פּאַמעליך אַראָב,
און פאַלען אין צווייען
אַרויף אויף אַ קאָפּ
פון אַ נאַקעטען בוים...

עס שנייט
שטילערהייט...
פון דרויסען זיך טוליען
און קלעפּען צום פענסטער

געקרייזעלטע פליטערלעך שנעע,
און אינוועניג הוליען
און האָבען אַ יום־טוב די קליינע,
און דריקען די קעפּ צו די שויבען...
און איינער, דער קלענסטער,
איז גרייט
מיט אַנ׳אויסרוף פון פרייד:
„— דאָס פליקען מַלְאָכִים
די פליגלען פון ווייסינקע טויבען...“

אויפ׳ן גליטש.

לייב יפה.

די סאַושעלקע פערפרוירען שוין! הײַ, קינדער —
אויפ׳ן גליטש!
דער רֶבּי וועט מִסְתָּמא נאָך זיך זוימען דאָרט
אין קלויז.
אַ שפרונג פון ברעג, אַ לויף, אַ שוּפּ,
אַ שטעל די פיס, אַ בליץ!
נײַ, קנאַפּעלע, אײַ, טשוועקעלע,
צושנייד דעם אייז, צוקריץ!
אײַ, פרעסטעלע, נישט קנייפּ אַזוי פון אויעריל
דעם שפּיץ!
אײַ, רֶבּי׳ניו, נישט גייעהט נאָך גיך אַזוי
פון קלויז אַרויס!

חַי־רִבְקָה קוקט פון פענסטעריל... חַי־רִבְ׳לע,
אַהער!
אַ מיידעל, מיינט זי, דאַרף נישט קענען
לויפען אויפ׳ן גליטש.

דו נאַרעלע, דו פרוב אָקאָרשט, עס איז דאָך
נאָרנישט שווער!
אַי, קאָפעלע, וואָס שטעהסטו דאָרט
אין פעלצעל, ווי אַ בער?
האָסט מורא, פאַר דעם רבי׳ן וועט פער׳מסר׳ן
דיך ווער?
וועסט סיי־ווי־סיי דאָך כאַפּען היינט פון רבי׳ן
נישט איין שמיץ;

אַי, שטיוועלע, אַי, טשוועקעלע, צושנייד
צושנייד דעם אייז!
אַראָב פון האַלדז די שאַלעכלעך! אַ מורא׳דיגע
היץ;
און פלינקער, פלינקער, קינדערלעך! ווער ס׳קען
אַ קונץ — בעווייז!
אַי, ווינדטעלע, וואָס בלאָזטו נישט, דו גיב
אַ שמיים, אַ ריים!
אַי, פרעסטעלע, דו גיב עפּעס אַ נעם, אַ ברען,
אַ ביים!
אַי, קינדערלעך, אַ יאָג, אַ טראָג, ווי בליצען,
איבער גליטש!

לייב יפה.

ווינטער=פערגעניגען.

מ. ראָזענפעלד.

וואו אַ טײַכעל, דאָרט איז לוסט —
עס טומעלט און עס לעבט;
עס הויבט זיך שטאַרק די יונגע ברוסט,
די פרייד ווערט פריי געשעפט.

דער שליטען מיט די גלעקלעך קלינגט,
און אונטער אונזער קנאַפּעל זינגט
דער טרוק׳נער שניי. עס פייפט דער ווינד.
זיי מונטער און זיי פרעהליך, קינד!

שנייעלעך.

א. פויגעלעס.

שנייעלעך, שנייעלעך
פלאַטערן, דרעהען זיך,
האַלזען זיך, קושען זיך
ליב און צונעהען זיך.

הומלישע טייבעלעך
טאַנצען און נייגען זיך;
קוקט אויף זיי, קוקט אויף זיי,
זעהט, זיי צולעגען זיך!

לאַכען זיי, זינגען זיי,
קלאָר־ווייסע שטראַלענדיג:
אָט אַזוי לעבען מיר —
פליענדיג, פאַלענדיג...

ווינטער=קלאַנגען.

א. פויגעלעס.

כ'האָב ליב די ווייסע וועלט אין שְבַט.
עס שיט דער שניי און הערט נישט אויף.
און ס'פירט דער ווינד אַ טאַנץ מיט אים,
געוויגטערדהייט, אַראָב, אַרויף.

עס טאַנצט דער ווינד מיט ווייסען שניי
און זינגט אים ווינטער=לידער איין.
ווי פרעהליך איז אין לופטען איצט!
ווי ווילט זיך אויך אין טענצעל זיין!

געוויגטערדהייט, אַרויף, אַראָב,
פון הימעל ביז דער ערד אַ טאַנץ!
געאַרעמט געהען ווינד און שניי
און פלאַטערן אין זילבער=גלאַנץ.

כ'האָב ליב די ווייסע וועלט אין שְבַט,
דעם שטויב פון שנייען=טאַנץ, דעם ווינד,
וואָס פייפט מיט הֶפְקֵר אויס זיין ליד
און טראָגט זיך מיט'ן שניי געשווינד.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדטען!

א. רייען.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדטען,
פריי בעהערשט די וועלט!!
ברעכט די צווייגען, וואַרפט די בוימער,
טוט, וואָס אייך געפעלט!

טרייבט די פויגעל פון די וועלדער,
און פעריאָגט זיי פאָרט!
די, וואָס קאָנען וויט נישט פליען, —
טויט זיי אויפ'ן אָרט!

רייסט די לאָדען פון די הייזלעך,
שויבען ברעכט אַרויס!
ברענט אַ ליכטעל ערגיץ דונקעל —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדטען
יעצט איז אייער צייט.
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער —
זומער איז נאָך וויט!

V.

שבּת און יום טוב.

מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת.

יהואש.

„מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!"
ווי עס גיסט זיך דורכ'ן האַרצען
אַזוי יום-טוב'דיג און פרעהליך,
אין אַ כאָר פון זיסע קלאַנגען:
„מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!"

„מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!"
ס'שטאַמט דאָס ליד נישט פון קיין מענשען,
נאָר מַלְאָכִים ווייסע האָבען
דאָס געזונגען אין גַן-עֵדן,
אין דעם ערשטען הויכען שַׁבָּת,
אין דער גרויסער וועלט-בעשאַפונג,
און די זונען און די שטערען —
אַלע האָבען מיטגעזונגען:
„מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!"

יאָ, די זונען און די שטערען
האָבען, שטראַלענדיג, געזונגען
מיט די שניי=ווייסע מַלְאָכִים:
„מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!"

און די בלומען פון גַן=עֵדֶן
האָבען שעמעדיג געוויגט זיך.
האָבען אויפ'ן פאַרביג=דופטיג
בלומען=לָשׁוֹן מיטגעזונגען:
„מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת!"

לֵיל שִׁמּוּרִים.

יהואש.

שוין פערזוכט פון אַלע כּוסות
האָט דער נָבִיא אֵלִיָהוּ,
שטילע רוה=מַלְאָכִים פליִען
פון די הימלען פון די בלאָהע.

טראָגען זיך פון הויז צו הייזעל,
שוועבען=אום איף אַלע דעכער,
גַנְב'ען זיך אַריין אין פענסטער,
קריכען=דורך די שליסעל=לעכער...

בענשען איטליכענס געלעגער,
קושען יעטווידער בעזונדער,
שושקען יעדען אין זיין שלומער
זיסע טרוימען, הימעל=וואונדער.

הייליג איז דאָס קליינע געסיל,
ס'טאָר קיין בייז אידם נישט פּאַסירען.
שניי=געפליגעלטע מַלְאָכִים
שטעהען, וועכטער, ביי די טירען.

פֶּסַח.

א. פויגעלעס.

מַה נִשְׁתַּנָה, פָּאטער זיסער,
כ'האָב די שטוב היינט נישט דערקענט.
זעה, מַלְאָכִים ווייסע פליען
אויפ'ן טיש און אויף די ווענד.

און דער טאַטע איז היינט אַנדערש:
מילד און ליכטיג איז זיין בליק.
און די מאַמע, אַך, די מאַמע —
סאַמע חֵן און סאַמע גליק.

ווייַן און מַצות, ליכט און לאָמפּען,
גלעזער, כּוסות, גרויס און קליין,—
וואָס איז ליב אַזוי דער טאַטע
און די מאַמע אַזוי שֵׁין?

ס'ווילט זיך צו דער מאַמען טוליען,
לֵעגען איר דעם קאָפּ אין שויס.
„קאָנסטו די פיר קַשְׁיוֹת, קינד מיינס?"
— מאַמע ליבע, יאָ, איך ווייס.

מאַמע גוטע, מאַמע זיסע,
האַלט מיך פאַר׳ן הענדטיל אָן.
איך בין היינט אַ פרינץ געוואָרען,
לאָמיר געהן צום קעניג׳ס טראָן.

לאָמיר געהן צוזאַמעןביידע,
זאָל מיין האַנד אין דיינער זיין,
כ׳וויל דיר קוקען אין די אויגען, —
אַך, וואָס דאָרט איז גליק און שיין!..

ס׳וואַרט דער קעניג אויף זיין מַלְכָּה
און דער פרינץ איז אויך שוין גרייט.
נאָר צי הערסטו, מוטער־לעבען,
דאַכט זיך, אֵלִיָהוּ געהט...

אֵלִיָהוּ קומט פון הימעל.
הערסטו, ווי ער זוכט די טיר?
מאַמע זיסע, מוטער־לעבען,
דריק מיך, טוליע מיך צו דיר...

נאָך פּסח.

יוסיפון.

ווער עס האָט אַ יונגעם הערציל
און אַ פּאָר געזונדטע אויגען,
זאָל נישט זיצען ערשט אין חדר,
איבער ספרים איינגעבויגען.

ווער עס האָט אַ יונגעם הערציל
זאָל דעם יום־טוב געהן בעגלייטען,
הינטער שטעדטיל, צווישען פעלדער,
צווישען פריש־פערזייטע בייטען.

און אַ גאַנצען טאָג אין זון־שיין
דאַרף מען געהן און קלייבען בלומען,
פאַר דעם אורח אַ מתּנה:
— פּסח, נאַ, פערגעס נישט קומען...

שָׁבוּעוֹת.

ש. פרוג.

שָׁבוּעוֹת, ליבע קינדערלעך,
שָׁבוּעוֹת איז געקומען!
בעפלאָכטען מיט גירליאַנדעס גרינס,
בעקרענצט מיט פרישע בלומען.

ס'גֶעהט זומער-לעב!.. עס שיינט און קלינגט
אין וואַלד, אין פעלד, אין גאָרטען;
עס פליען, פליען פויגעלעך
און זינגען שִׁירָה דאָרטען.

דער ליבער גרינער יום-טוב גֶעהט —
זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ.

שָׁבוּעוֹת

א. פויגעלעס.

בלוי דער הימעל, גרין די פעלדער,
ליב און וואַרים איז דאָס וועטער.
קינדער, קומט אין וואַלד אין וויטען,
לאָמיר גיהן נאָך צווייג און בלעטער.

שטאָלצע שטעהען מאַנכע בוימער,
פונקט ווי אַלטע גענעראַלען,
און צופוסענס, ביי די וואָרצלען,
שפּילען קאַלטע, קלאָרע קוואַלען.

נאָר ווי אַלץ איז דאָ פערגליווערט
און פערזונקען טיף אין שווייגען!
קינדער, לאָמיר זיי נישט שטערען,
לאָמיר רייסען שטיל די צווייגען.

און דערנאָך אַהיים גיהן פרעהליך,
מיט געזאַנג און גלייך אין רייען.
ס׳גיהט דער הייליגער שָׁבוּעוֹת,
ס׳קומט דער יום־טוב אונז דערפרעהען!

תִּשְׁעָה=בְּאָב.

א. פויגעלעס.

(פראגמענט).

... אין דער גרויזאַם=שווערער שָׁעָה
איז די מאַכט אַוועקגעפאַלען,
אויסגעלאָשען זיך די שטראַלען, —
אָבער האָפנונג איז נאָך דאָ.

ס'איז דער גייסט נאָך שטאַרק און פריי.
קאָן דער פיינד אים דען פערדאַרבען?
ס'איז פאַראַן נאָך ליכט און פאַרבען
פאַר אַ לעבען אויף דאָס ניי.

שטעה דאָרט זיכער, ווי אַ האַר,
ליבער כּוֹתֶל=מַעֲרָבִי!
ס'וועט נאָך קומען אונזער נָבִיא
און בעפרייען אונז פון צַעַר...

אויפ׳ן בית=עולם.

א. פויגעלעס.

(פראגמענט).

... קברים, מצבות און בוימער און גראז,
און יודען און ווייבער צולעגט ביי די קברים.
שטעהט=אויף, ליבע יודען! פאראן נאך א קראפט
א גלויבען אין הארצען, א כח אין ארים!

און שען איז די וועלט און דער הימעל, די זון,
דייך פייפען די פויגעל און רופען צום לעבען.
זאפט=איין אין זיך זון און די ביינער גרייכט=אויס —
דאן ווערט די אמאליגע מאכט אייך געגעבען.

דער שטילער בית=עלמן בלייבט הייליג ביי אונז
גענוג אבער דא אויף די קברים צו ליגען.
נאר דער, וואס קאן טרערען פערשטיקען אין צער
נאר דער האט א כח צו לעבען און זיגען.

אֶלול.

מ. ראָזענפעלד.

דער בַּעַל־תְּקִיעָה גיט אַ בלאָז,
עס פאַלט אַ טריבעס וועטער;
עס וועלקט אין פעלד דאָס יונגע גראָז,
דער בוים פערלירט די בלעטער.

די ערד שטעהט הויל און נאַקעט באַלד,
אַ סוף איז צו איר יְהוּם.
דער פויגעל זינגט אין גרויסען וואַלד
און וועקט און רופט צו סְלִיחוֹת.

צו ניי=יאָר.

א. פויגעלעס.

שוין דאָס אַלטע יאָר פערפלויגען
און אַ ניי יאָר קומט צו געהן,
גאָט דו ליבער, זאָל דאָס לעבען
זיין דאָס יאָר אונז ליכט און שען.

גאָט דו ליבער, שענק אונז ברָכָה,
שענק אונז זון און ליכט אַ סך,
און בעשיץ אונז, ווען מיר שלאָפען,
היט אונז, ווען מיר זענען וואַך!

קליינע קינדער זאָלען לאַכען,
גרויסע זאָלען פרעהליך זיין!
שענק אונז פרייע הימלען בלויע,
גיב אונז מערער זונען=שיין!

זאָל פערשווינדען וועה און אַנגסטען,
זאָל צורינען צַעַר און פיין!
קליינע קינדער זאָלען לאַכען,
גרויסע זאָלען פרעהליך זיין!

יום=כּפּור צו מִנְחָה.

מ. ראָזענפעלד.

יום=כּפּור צו מִנְחָה. דער אומעט איז גרויס.
די ריינע נְשָׁמות=ליכט גֶעהען שוין אויס.
דער עולָם איז מיד און פער׳חַלָשׁ׳ט און בלאַס.
דער חַזָן איז הייזעריג, שוואַך איז דער באַס.
די זינגערלעך לעבצען שוין אַלע נאָך רוה.
אַ פּאָר תְּפִילות מער — און דער מַחֲזוֹר איז צו.

חֲנוּכָּה.

א. פויגעלעס.

פאַר׳ן פענסטער ברענען ליכטלעך,
אין עס שווייגט די גאַס און נאַכט.
זאָלען שווייגען ערד און הימעל
פאַר די ליכטעלעך די אַכט.

כ׳וויל אין שטילקייט זיך דערמאָנען
יענע שָׁעָה פון מוט און מאַכט:
שווערדען, שפּיזען — בליצען, קלינגען,
און דער שׂונא פאַלט אין שלאַכט.

ס׳הויבט מיך אויף דער גלאַנץ פון עָבַר,
איך דערפיהל נאָך איצט אַ קלאַנג
פון די יענע פרייד-געשרייען,
און המכבּי׳ס זיג-געזאַנג.

אין אַ פּורים טאָג.

א. פוגעלעס.

די זון איז אין דרויסען!
די זון איז אין דרויסען!
דער שניי ליגט שוין שיטער אין בלאָס.
עס פּאַקט זיך דער ווינטער
אין וועג אין זיין ווייטען,
די וואַסערלעך זינגען אין גאַס.

פּאָר=פּאָר, ליבער ווינטער!
געננג דיר געזעסען,
געננג דיר געשאָטען מיט שניי.
עס וואַרט שוין דער פרילינג
מיט זיידענע לאָקען
און גאָלדענע שטראַלען אויף זיי.

ער שטעהט און ער שמייכעלט
פון הימעל פון בלויען
און שעפּטשעט דורך שטראַלען: „איך געה"...
אין וועג אַריין, ווינטער,
קלויב=אויף דיינע קליידער,
פערפּאַק שוין דיין לעצט ביסעל שניי.

אין עִבּור-יאָר.

יוסיפון.

אין דעם עִבּור-יאָר דעם ערשטען
האָבען תֵּיכֶף זיך צוקריגט
ביידע אָדָר'ס — ביידע ברידער:
ווער פון זיי דעם פּוּרים קריגט?

פאַר דעם הויכען כִּסֵא-כָבוד
לֶעגען זיי די טַעֲנות פאָר.
„גוט", — זאָגט גאָט — „און ווער פון ביידע
גערט צום לעצטען אינ'ם יאָר?

„איך!" — זאָגט אָדָר אַלֶף — גער נישט.
איך — צום לעצט? ס'איז גאָרנישט שעֶן"
זאָגט דער צווייטער: „גאָט וועט הייסען
פריער, שפּעטער, וועל איך גערן".

און געזאָגט האָט דאַן דער בּוֹרֵא:
„יאָ, זאָל בלייבען, ווי איך הייס:
נאָוה האָט דער אָדָר-אַלֶף,
אָבער פּוּרים — אָדָר-בֵּית!"

IV.

פערשידענע לידער.

ליכט און טויען פאַר די בלומען.

א. פויגעלעס.

ליכט און טויען פאַר די בלומען,
פאַר'ן פויגעל—לופט און ווינד
ס'האָט דער ים מיליאָנען פּאַליעס,
טויזענד וועגען האָט אַ קינד.

ס'שפּילט דער ים מיט הימעל־פאַרבען
און עס טאַנצען איגד מיט אינד;
פעריל הענגען אויף די בלומען—
נאָר געבענשט זאָל זיין דאָס קינד.

פעלדער גאָלד און פעלדער סאַמעט,
גאָלד מיט סאַמעט איז געשפּינט;
פויגעל זינגען אין די וועלדער —
נאָר דו האָרך, ווי ס'לאַכט אַ קינד!..

אַ קאַראַהאָד.

ל. ניידוס

קינדער, הערט! איר ווילט מיר פאָלגען? —
זעהט, ווי פריש עס איז דער זאַד!
נעמט אייך אַלע פאַר די הענדטלעך,
לאָמיר געהן אַ קאַראַהאָד!...

אָט אַזוי,
אָט אַזוי, —
לאָמיר געהן אַ קאַראַהאָד!

וואָס־זשע שטעהסטו, ווי אַ גולם,
בעריל, יאָסעל — נו, געשווינד!
היי, אַ הויב די פיסלעך, עולם,
אַז אַ פאָך טאָן זאָל אַ ווינד!...

אָט אַזוי,
אָט אַזוי, —
אַז אַ פאָך טאָן זאָל אַ ווינד!

כאַ-כאַ-כאַ! דער פֿויגעל שרעקט זיך,
און די בוימער קוקען-אָן...
טאַנצט-ושעו האַסטיגער, און יעדער
זאָל זיי ווייזען, וואָס ער קאָן!...
אָט אַזוי,
אָט אַזוי, —
זאָל זיי ווייזען, וואָס ער קאָן!

איצט לאָזט לאַנגזאַמער די פיסלעך
און שטעלט-אָב די טענצעריי,
לאָמיר אָברוהען אַ ביסעל
און דערנאָכדעם — אויף דאָס ניי...
אָט אַזוי,
אָט אַזוי, —
און דערנאָכדעם אויף דאָס ניי!

אַ וויג־ליד.

א. פויגעלעס.

אַליע־לוליע, אַליע־לוליע,
הארציג קינד, שלאָף־אַיין!
זאָלען הייליגע מַלְאָכִים
דיינע וועכטער זיין.

אַליע־לוליע, אַליע־לוליע,
ס'איז די נאַכט נישט לאַנג;
אויפשטעהן זאָלסטו אין פרימאָרגען
מונטער, מיט געזאַנג.

שען און קרעפטיג זאָלסטו וואַקסען
ווי אין זון אַ בוים;
און דאָס לעבען זאָל דיר פליסען,
ווי אַ לייכטער טרוים.

אַליע־לוליע, אַליע־לוליע,
שלאָף־זשע נישט־געשטערט;
ליבען זאָלסטו זון און הימעל
און דאָס גראָז אויף דר'ערד.

זאָל דיין האַרץ זיין שטאַרק אין לעבען.
ווי אין שטורם=ווינד
ווערען שטאַרק דעם אָדלערס פליגלען —
אַליע=לוליע, קינד.

דער קאַנאַריק.

מ. ראָזענפעלד.

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייען וואַלד אַליין:
ווער קאָן זיין שׂמחה פיהלען?
ווער קאָן זיין פרייד פערשטעהן?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייכסטען פּאַלאַץ שען:
ווער קאָן זיין וועהטאָג פיהלען?
ווער קאָן זיין שמערץ פערשטעהן?

דער אָדלער

אָזענפעלד.

וואו די ריזען-וואָלקענס יאָגען,
אויבען, אין דעם העכסטען אָרט,
שוועבט דער קייזער פון די פייגעל,
פליהט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

מיט די שטאַרקע פליגלען פּאַכט ער
אין דערלופטען און ער פליהט.
עלענדער! אַ חוץ די הימלען,
האָט ער קיין חברים ניט!

ווערט ער מיד פון שווערע רייזען,
רוהט ער איינזאם און אַליין
ביי דעם זוים פון טיפע וואַסערן,
אויף אַ הויכען באַרג פון שטיין.

מיט פעראַכטונג קוקט ער אונטען,
שאָקלענדיג זיין שטאָלצען קאָפּ.
אָפט נאָר, ווען אים צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט וועה אַראָב.

א. ראָזענפעלד.

צו דער זון.

א. פויגעלעס.

עס פערגעהט די זון אין מַעֲרָב,
גוטע נאַכט דיר, ליבע זון.
כ'וועל צום בערגעל מאָרגען קומען,
דיך בעגעגענען מיט בלומען.

רויטע יַמים שפּילען איבען:
שלאָף געזונד, מיין ליבע זון.
פּאָכסט צו מיר מיט רויטע פליגלען,
שפּילסט אויף מיר מיט פּורפּור-שפּיגלען.

ס'קושט אַ רויטער יַם דעם הימעל:
גוטע נאַכט דיר, ליבע זון.
האָסט מיך היים און זים געפאַנגען
און מיט גאָלד אַרומגעהאַנגען.

כ׳וועל מיין שוועסטער היינט פערטרויען:
שוועסטער, איך האָב ליב די זון...
כ׳וועל אין האַרץ זי אייביג טראָגען
און וועל קיינעם דאָס נישט זאָגען.

בלאַסער ווערט די מַעֲרִב־רויטקייט
ס׳קומט אַ מאַטער אָווענד־שיין.
זון! אָ, קום צוריק בְּשָׁלוֹם.
כ׳וויל דיך זעהן ביינאַכט אין חָלוֹם.

 א. כּויגעלעס.

בײם טײך.

ז. סעגאַלאָװיטש.

װער זינגט עס דאָרט אױף יענעם ברעג,
װער זינגט אַזױ געהײם?
דאָס טרײבען יונגע די פּױערטעס
די טשערעדע אַהײם.

די טשערעדע צום װאַסער גײעט
און טרינקט זיך דאָרטען אָן.
פון װײטען, װײטען קלױסטער-גלאָק
דערהערט זיך אַ גלין-גלאָן.

אַ שיפעלע בעװײזט זיך נאָנט,
צװײ פישערס זיצען דאָרט,
זײ קוקען שטיל אין טײך אַרײן
און רײדען נישט קײן װאָרט.

דער טײך איז נאָר-װאָס רױט געװען,
איצט איז ער דונקעל-בלאָה;
סטאַדע און די פּױערטעס —
זײ זענען שױן נישטאָ.

דאָך שוועבט, דאָך שוועבט נאָך אימעטיג
אַ קלאַנג פון יענעם ברעג,
ווי עמיץ וואָלט בעדויערן
דעם טאָג, וואָס איז אַוועק.

זון=קלאַנגען.

א. פויגעלעס.

1.

ס׳רופט די זון מיך ראַש און פרעהליך
ווי אַ וואַסער וואָלט געפאַלען,
כ׳וועל אַוועק אין גרינעם וועלדעל —
דאָרטען זינגען אירע שטראַלען.

כ׳וועל אין גרינעם גראָז זיך וואַרפען
אין די גאָלדנע שטראַלען=אָרים:
זינגט מיר, טראָגט מיך, זון=מלאָכים!
טראָגט פון צפון מיך קיין דרום.

זון! אָ, מאַמע פון די וועלדער!
קרוין פון הימעל, לאַנד און מערען!
כ׳וויל אויך דיינע שטראַלען שווימען
און אַליין אַ שטראַל אויך ווערען.

II.

אַך, זוניגע גלעקעלעך קלינגען אין לופטען —
און פיל=פיל און פול=פול און פאָ=ליאָ=לאָ...
דער הימעל שפּרייט=אויס זיינע פליגלען די בלויע—
ווי קלינגט עס, ווי זינגט עס, ווי פרעהליך איז דאָ!

און פיל=פיל און פול=פול און פאָ=ריאָ=ליאָ...
די זון פייפט אַ ליד אויף אַ גאָלדענער פלייט.
גאָלד וועבט זיך אין טענער און פייער — אין
קלאַנגען
און ווערט אונטער הימעל אין בלויקייט צושפּרייט.

און פיל=פיל און פול=פול און פאָ=ליאָ=ליאָ...
זינג, זון, און זינג, הימעל, זינג, גרעזעל און לופט!
דאָס אַלץ איז דאָס זון=ליד, דאָס מעכטיגע זון=ליד,
וואָס וועקט, ווי אַ שופר, צום לעבען און רופט...

און פיל=פיל און פול=פול און פאָ=ליאָ=ליאָ...
עס פליסען, ווי שטראָמען, די טענער פון פלייט,
די גלעקעלעך! קלינגען און פידעלעך לאַכען
און לידעלעך פאַלען פון הימעל=טרומייט...

אַ וויג=ליד דעם קעצעלע.

א. כ ה.

קעצעלע, מיין ברעקעלע,
מיט׳ן גרויען עקעלע,
מיט׳ן ראָזען נעזעלע,
אויגעלע—גרין=גלעזעלע —
גרוי קעצעלע דו מיין!

מאַך ניך צו דיין אויגעלע,
נאָרע איין דיין נעזעלע,
דרעה זיך איין — אַ בויגעלע...
אַליע=לוליע — שלאָף=זשע אַיין,
ליב קעצעלע דו מיין!

דער אוצר.

(א מעשה'לע).

א. פויגעלעס.

ליבעס קינד, בויג־אָן דיין קעפּיל,
כ'וועל אַ מַעֲשׂה דיר פערצעהלען
מיט אַנ'אוצר און אַ מַלְאָך,
און מיט שוואַרצע טיפע היילען.

* * *

איז געווען אַמאָל אַ יונגעל
מיט צוויי פלאַמענדיגע אויגען.
פלעגט ער קוקען, פלעגט זיך דאַכטען,
אַז אַ בליק איז דורכגעפלויגען.

און געווען איז ער אַ דרייסטער
און האָט ליב געהאַט צו טראַכטען
און צו בלאָנזען און צו זוכען
אין די דונקעלע פאַרנאַכטען.

איז ער איינמאָל, אָט דאָס יונגעל,
פון דערהיים אַוועקגעלאָפען
און געבלאָנזעט און געגאַנגען
און אַ וואַלד אין וועג געטראָפען.

נאַכט איז דעמאָלט שוין געוועזען.
וואו־נישט־וואו אַ שטערען־פּלעמעל.
און אַ בוים זעהט־אויס אין נאַכט־שיין,
ווי אַ העלפאַנד, ווי אַ קעמעל.

נאָר עס שרעקט זיך נישט דאָס יונגעל.
און ער אָטעמט ברייטער, פרייער;
פּלוצלונג זעהט ער—טיפע היילען
אין די היילען טאַנצט אַ פייער.

געהט ער גלייך און שנעל צום פייער
אין די שוואַרצע טיפע היילען,
נעמט דאָס פייער טאַנצען שטאַרקער,
שפּרינגט אַוועק אַ דריי־פיר איילען.

ווערט דאָס יונגעל בייז און בייזער,
לויפט נאָך שנעלער פון עקשנות;
יאָגען וועט ער היינט דאָס פייער
אָהן אַנ׳אויפהער, אָהן רחמנות.

לויפט ער, און פאַראויס—דאָס פייער
מאַנצט מיט רוגזאַ און נצחון...
פלוצלונג הערט ער עפּיס רוישען,
פונקט ווי פליגלען וואָלטען פאָכען.

און עס ווייזט זיך שטיל אַ מלאך
דורך אין ווייסען, דורך אין שטראַלען,
און זיי גיסען זיך פונאַנדער,
ווי געדרעדהטע, קלאָרע קוואַלען.

„יונגעל, יונגעל — זאָגט דער מלאך —
גאָר אומזיסט דיין מיה און פלאָגען:
ס'איז אַנ'אוצר, און אַנ'אוצר
קאָן נאָך קיינער נישט דעריאָגען.

„נאָר איין וועג איז דאָ צום אוצר:
שאַפען גליק און גוטס פאַר מענשען.
דעם וועט גאָט, נישט אין דער יוגענד —
אויף דער עלטער מיט אים בענשען.

„ס'קריגט דעם אוצר אויף דער עלטער:
דער, וואָס שענקט דער וועלט געדאַנקען.
דער, וואָס מאַכט דאָס לעבען זיסער,
דער, וואָס ברענגט געזונד אַ קראַנקען".

קוקט דאָס יונגעל אָן דעם מַלְאָך.
שטרענגער לייכט זיין אויג און קעלטער:
„אָבער זאָג מיר, גוטער מַלְאָך,
זאָג, פאַרוואָס נאָר אויף דער ע ל ט ע ר?"...

האָט זיך שטיל צולאַכט דער מַלְאָך,
מיט'ן האַנד פערשטעלט די אויגען,
און אַ רֶגַע און אַ רֶגַע —
און ער איז אַוועקגעפלויגען...

שוואַרץ איז פון דאָס ניי געוואָרען.
נאָר דער אוצר האָט געוואונקען
און געצויגען און גערופען
און אין שוואַרצקייט טיף פערזונקען.

איז צוריק אַוועק דאָס יונגעל
און דעם בליץ פון אויג פערלאָרען:
אַז ער איז אַהיים געקומען,
איז דער קאָפּ אים גרוי געוואָרען...

דאָס יונגעל און דער טייך.

ה. היינע.

פון פרעמדען לאַנד דאָס יונגעל,
פון אייגען לאַנד דער טייך;
עס ליגט איין וועג פאַר ביידען,
זיי וואַנדערן צוגלייך.

דאָס יונגעל, קוים ער שלעפּט זיך,
בעטריבט, פערשמאַכט און מיד.
דאָס טייכעל שפּרינגט זיך לוסטיג
און רוישט אַ פרעהליך ליד.

זיי געהען ווייט און ווייטער,
די וויאָרסטען—אָהן אַ צאָל,
זיי געהען בערג אַריבער
און נידערן אין טאָל.

און פלוצלונג האָבעןביידע
געטווישט זיך מיט'ן גאַנג:
דאָס טייכעל גערהט אָהן רוישען,
דאָס יונגעל—מיט געזאַנג.

וואָס פרעדט ער זיך, דאָס יונגעל,
און טאַנצט אַזוי אַרום?
און וואָס איז מיט'ן טייכעל,
וואָס פליסט עס אַזוי שטום?

דאָס טייכעל האָט פערלוירען
זיין היים, זיין קלאָרען זאַנד,
דאָס יונגעל האָט געפונען
זיין ליבע היים, זיין לאַנד...

דער טייך.

א. פויגעלעס.

ביים ברעג טוען יונגלעך זיך אויס
און שפּרינגען אין וואַסער צוגלייך,
מיט שטראַלען בעגיסט זיי די זון,
מיט פּעריל בעשפּריצט זיי דער טייך

די אויגען, די אויגען, ווי קוידהל,
און קערפּערלעך—דורכזיכטיג=ראָז.
זיי שפּרינגען פון וואַסער אַרויס
און טאַנצען הייל=נאַקעט אין גראָז.

און שפּרינגען אין וואַסער צוריק
אין כוואַליעס, אין שטראַלען, אין שוים,
און פלעכטען זיך אויס אין דער הויך:
זעהט, קינדער, פון קינדער אַ בוים...

די זון קושט פון אויבען דעם בוים,
וואָס פאַלט זיך פונאַנדער אין טייך.
די יונגעלעך שווימען זיך אָב
און שפּרינגען פון וואַסער צוגלייך.

דער הונד, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שאָטען.

יהואש.

(פאַבעל נאָך עזאָפּ).

אַ הונד, וואָס האָט אין זיינע ציין
געהאַלטען פעסט אַ פעטען ביין,
איז מיטגעפאָרען אויף אַ פּראָם,
און, זעהענדיג, אין וואַסער-תהום
אַ שאָטען

פון אַ געשמאַקען קנאָכען,
איז זיינער אים אין האַלז נישט מער
געקראָכען,
און, לאָזענדיג זיין ביסען פאַלען,
אַריינגעשפרונגען איז ער אין די וואַלען—
צו כאַפּען יענעם זיסען בראָטען...

זיין שטראָף געווען איז אויגענבליקליך:
ער איז געוועזען גליקליך,
אַ הונגעריגער און אַ נאַסער,
אַרויסקומען כאָטש לעבעדיג פון וואַסער...

יהואש.

די וועווערקע און דער זינגפויגעל.

יהואש.

(פאַבעל).

איין ווינטער אין אַ גרויסען פראָסט,
ווען ס'האָט אַ בייזער ווינד געבלאָזט,
איז אויף די הינטערפיסלעך
אַ וועווערקע ביי זיך אין בוים געזעסען
און האָט געקנאַקט אַ הויפען ניסלעך,
און מיט אַ גרויסען אַפּעטיט
געגעסען ...
ווען אין דערמיט
פון איר געשמאַקען קייען
שפּרינגט-צו אַ פויגעל, טרויסלענדיג פון קעלט,
און זאָגט צו איר מיט טרערען:
„איר מוזט פערצייען,
„וואָס איך וועל אייער סעודה שטערען ...
„איך וואָלט אייך בלויז געוואָלט
„אַ פרעג טאָן, אויב איר וואָלט געקאָנט מיר באָרגען,
„אַ יאָדער אָדער צוויי
„ביז מאָרגען אָדער איבערמאָרגען ...
„שוין אַ מֵעֵת-לְעֵת, ווי כ'זוך אין שניי.
„און קאָן צומאָל אַ קערן נישט געפינען" ...

די וועווערקע געוואָרען איז נערוועז...
(עס איז אַ נס,
וואָס זי האָט זיך מיט'ן ביסען נישט דערוואָרגען)
און האָט גענומען שרייען,
ווי אויסען זינען:
„אַוועק, דו פרעכער פויגעל,
„און לאָז מיין פּראַצע מיר אין רוה פערדייען...
„אַ גאַנצען זומער האָט מיין אויגעל
„אין אַלע ווינקעלעך געשפּיאָנט,
„און ווען איך האָב געקאָנט
„אַ ניסעל ערגעץ־וואו דערטאַפּען,
„פלעג איך עס תיכּף כאַפּען,
„און רק איך האָב געזאַמעלט און געזאַמעלט..
„וואו האָסטו דאַן,
„דו קליינער שאַרלאַטאַן
„דיין צייט פערבראַכט?
„אודאי אומגעפלויגען שלינג־און־שלאַנג?"

דער פויגעל, פון נישט עסען אָבגעשוואַכט,
האָט קוים ארויסגעשטאמעלט:
„איך האָב געזוכט מיט מיין געזאַנג
„דעם גאַנצען וואלד צו געבען פערגעניגען
„און קיינמאָל נישט קיין צייט געקריגען —
„צו געבען וועגען זיך אַ טראַכט..."

יהואש.

די קארליקלעך און דער צילינדער

איבערזעצט—דער טונקעלער.

אײנמאָל אין אַ פרילינגס=מאָרגן
האָבען זיך געשפּילט אָהן זאָרגען
זעקס קאַרליקלעך אינאײנעם
בײַ אַ בלויען טײַך אַ שענעם.

פּלוצלונג זעהען זײ, אָ, וואונדער!—
אַ צונויפגעלעגט צעלינדער
ליגט בײַם ברעג זיך רוהיג, שטיל.
דאָ ערשט הויבט זיך אָן דאָס שפּיל.

צוויי קונדסים קריכען=אונטער,
און די איבעריגע מונטער
כאַפּען אויבען אין אַ ראָד
פרעהליך, פײן אַ קאַראַהאָד.

נאָר די בײדע, וואָס געפינען
זיך פון אונטען, קומט אין זינען
געבען פּלוצלונג זיך אַ שטעל
אויסגעצויגען, גלײַך און שנעל.

דער טונקעלער.

די קאַרליקעך

הערט זיך בּאַלד אַ רויש אַ קלונג,
דער צילינדער גיט אַ שפּרונג,
גלײַכט זיך אויס, און חֶבֿרָה אויבּען
פליען, ווי צעיאָגטע טויבען.

פליען, פאַלען אויף דעם גראָז
און צעשלאָגען זיך די נאָז,
נאָר זיי טראָגען ניט קיין האַס
פאַר דעם פרעהליך שענעם שפּאַס.

גלייכט מען אויס די קראַנקע גלידער,
און מען נעמט שוין טראַכטען ווידער,
קלערען, קנייטשען מיט די מיצלעך
וועגען נײַע, קלוגע שפּיצלעך.

בּלײַבּט בּײַ די קונדֵסים צינדער
אײַנצוקנייטשען דעם צילינדער,
אום צו מאַכען, אויבּ מען קען,
קליין און פּלאַטשיג, ווי געווען.

חֶבֿרָה נעמט זיך גאָר צוהיצט,
סאָפּעט אָטעמט, בּלאָזט און שוויצט;
נאָך איין גוטען קנייטש אַראָבּ—
און ער פאַלט צוזאַמען—האָפּ!

דער טונקעלער.

די קארליקלעך

איצטער כאַפּט מען אים מיט פרייד,
און מע טראָגט אים און מע גערהט
צו דעם טײַכעל—דאָרט צו מאַכען
נאָך אַ שענעם שפּאַס צום לאַכען.

זעצט מען זיך אַהין אַרײַן,
אין צילינדער, שען און פײַן,
גאָר ווי אין אַ שיפעל גלײַך,
און מע לאָזט זיך אויפ'ן טײַך.

שווימט דאָס שיפעל, שווימט זיך מונטער.
און די חֶבְרָה זינגט זיך אונטער,—
זינגט אַ ניגון נאָך אַ ניגון,
לוסטיג, פײַן, אַ פערגעניגען,

און זיי טוליען זיך, די שטיפער,
און בעהאַלטען זיך אַלץ טיפער
אין צילינדער אויפ'ן דעק,—
און מע פאָרט צום צווייטען ברעג.

און אַ מאַן דאָרט פון דער ווײַטען,
קוקט און זוכט אין אַלע זײַטען,
האָט יסורים, אַנגסט און פּײַן:
וואו זאָל דער צילינדער זײַן?

דער טונקעלער.

פלוצלונג—און ער טוט אַ בליק
אויפ׳ן טײַכעל—אַך, אַ גליק!
דאָרטען שווימט ער, זײַן צילינדער!
ווערט אים אויפ׳ן האַרצען לינדער.

וואָס=ושע טוט דער מאַן אַצונד?—
שיקט ער באַלד זײַן טרײַען הונט,
ער זאָל צו דעם טײַך געשווינדער
לויפען ברענגען זײַן צילינדער.

לויפט דער הונט אַרײַן אין וואַסער,
קומט צוריק אַרויס אַ נאַסער,
גיט זיך גוט אַ טרייסעל אָב.
פלידהט שוין מיט דעם הוט גאַלאָפּ.

—היידאַ, קינדער! לויפט געשווינדער,
הענדום=פּענדום, פון צילינדער!
און דאָס פרעהלעכע געזינדעל
מאַכט אַ שפּאַציר אויפ׳ן הינטעל.

אויף זײַן רוקען, אויף די זײַטען,
שפּרינגען, טאַנצען, פּאָרען, רײַטען,
לאַכען, מאַכען אַ קאַטאָוועס,
און דער הונט האָט אֵימת־מָוֶת.

דער טונקעלער.

די קארליקעך

באַלד ווערט נאָך אַ נײַם בעשאַפען:
קריכען, קלעטערן, ווי אַפען
אויף דעם הונטס פערריםען ווײדעל!
דאָס איז, פע, שוין גאָרנישט אײדעל!

ווערט דער הונט נאָר בײז—אַ שרעק!
גיט אַ שאָקעל מיט'ן עק,
און די גאַנצע חֶברָה פּליט שוין
אין דער לופטען מיט אַ קוויטשען.

פליען אין דער הויך, ווי פּרינגען,
פליען, פאַלען, בלײַבען ליגען,
אויף דער ערד, אין אַלע זײַטען
מיט צוקײַלט-צובײַלטע זײַטען.

און דער מאַן דאָרט פון דער ווײַט
שטעהט און וואַרט די גאַנצע צײַט,
שטעהט און קוקט און האָט הנאָה
פון זײַן קלוגען הונטס המצאָה.

נאָר אַ סוף, איצט נעמט ער פּרובען
זײַן געטרײַען הינטעל רופען.
לויפט דאָס הינטעל, ווי אַ ווי אַ ווינט,
טראָגט דעם הוט צום מאַן געשווינד.

דער טונקעלער.

נאָכדעם געהט דער מאַן זיין וועג,
און די חֶבְרָה, אויפ'ן ברעג
שטעהען פון דער ערד אויף גיך
און מען געהט אַהיים צו זיך.

געהען, פלוידערן און ריידען,
און דערצעלען אַלץ אין פריידען
פון די אַלע שענע וואונדער:
פון דעם הונט און דעם צילינדער.

דער טונקעלער.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס איך דאַרף.

מאַכט ער מיר אַ פייפעלע, אַ פייפעלע—
פייפעלע מאַכט אַזוי:
פליו=פליו=פליו, פליו=פליו=פליו—
מאַכט דאָס פייפעלע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס איך דאַרף.

מאַכט ער מיר אַ טרובקעלע, אַ טרובקעלע—
טרובקעלע מאַכט אַזוי:
טרו=טרו=טרו, טרו=טרו=טרו—
מאַכט דאָס טרובקעלע.

פאָלקסליד.

א מיכאלקע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס איך דאַרף.

מאַכט ער מיר אַ פייקעלע, אַ פייקעלע —
פייקעלע מאַכט אַזוי:
טר-באָם-באָם-באָם, טר-באָם-באָם-באָם —
מאַכט דאָס פייקעלע.

האָב איך מיר אַ מיכאַלקע, אַ מיכאַרכע,
וואוינט ער אויף לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס איך דאַרף.

מאַכט ער מיר אַ פידעלע, אַ פידעלע —
פידעלע מאַכט אַזוי:
טידל-לידל, טידל-לידל —
מאַכט דאָס פידעלע.

פאָלקסליד.

קלאַפּ, קלאַפּ טייבעלע.

מ. בראָדערזאָהן.

קלאַפּ, קלאַפּ, טייבעלע,
אין פענסטערל, אין שייבעלע!
ס'וועט מיט אויגען איידעלע
קוקען לאַנג, מיין מיידעלע.

און הערען דיינע רייד,
און הערען דיינע רייד,
קליפּ-קלאַפּ, קליניקע,
דערצעל איר מעשיות שעניכע

פון יונגעלעך און מיידעלעך,
מיט זיסע טויבען-ריידעלעך
פערטרוי איר שטילערהייט.
די פליגעלעך צושפּרייט—

און שנאָבעל ברענג אַ קוויטעלע
פון ערגיץ וואו אַ ביטעלע,
אַ גרעזעל ברענג, אַ בלעטעלע,
אַ ליבען גרים, אַ צעטעלע,

מ. בראָדערזאָהן.

און ברענג איר איז אַ קוויט
פון טויעלעך אַ כייט;
און פלאטער אויף מיט פליגעלעך
און פלי צו הימלען-שפיגעלעך

און טראָג איר אונטער פערעלעך,
און שנירעלעך פון קרעלעלעך,
פון שטערנדלעך צווייט,
וואָס פינקלען שטילערהייט!

מ. בראָדערזאָהן.

בעלי־מלאכות.

1

אַ שוסטער.

הערשעלע.

—וואָס איז דאָס אַ שוסטער?
— אַ וואוילער בעל=מלאכה;
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל=ברכה.

שטעכט די נאָדעל, קלאַפּט די שפּילען,
ציהט די דראַטווע גיך;
מעג מען שפּרינגען, לויפען, איילען,
און די בלאָטעס טויזענד מיילען —
בלייבען גאַנץ די שיך.

אַזוי שטעכט ער, שפּילט ער,
שפּאָרט קיין וויקס, קיין גלאַנץ;
ביז מיר האָבען שיכלעך
פשוט צו דעם טאַנץ.

א שניידער.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז,
לערנט אַ מלאכה;
אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס,
אַרבייט איז א ברכה.

2

אַ ש־ר.

—וואָס איז דאָס אַ שנײַדער?
—אַ וואוילער בעַל־מלאכה;
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל־ברכה:

פרובט די נאָדעל, פעדעמט פאָדעם,
נעהט לייכט אויף מאַשין;
טראָגט מען ווינטער וואַר׳מע בגדים,
דאַנקט מען אים פאַר זײַנע חסדים,
שעצט מען טריי זײַ זין.

אַווי שערט ער, נעהט ער,

האָרשעלע

פול מיט מיה און פלייס;
ביז מיר טראָגען קליידער,
וואַרים גוט און הייס.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

3

א בעקער.

—וואָס איז דאָס אַ בעקער?
אַ וואוילער בעל=מלאכה;
פאר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל=ברכה:

קנעט דאָס טייג און פלעכט דעם קויבען,
וועלגערט מצות אויס;
חלות, לעקיך צום פערזויכען,
טאָרט און קוגעל—פאַר משיח'ן—
טויזענד טעם דערויס...

אַזוי קנעט ער, פלעכט ער,

באַקט און רוקט דאָס ברויט,
ביז מען איז געזעטיגט
און מען וויים קיין נויט.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

4

א טישלער.

—וואָס איז אַ טישלער?
—אַ וואוילער בעל־מלאכה:
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל=ברכה:

פיהרט די זעג און שפאַנט דעם הובעל
רייבט און גלעט דאָס האָלץ;
שענק און בעטען אינ׳ם שטיבעל,
טיש און בענק, דאָס גאַנצע מעבעל,
איז זיין רום און שטאָלץ.

אַזוי זענט ער, הובעלט,

פאַלעטורט און שניצט;
ביז מען האָט די ווירטשאַפט
הערליך אויסגעפוצט.

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

5

א שמיד.

וואָס איז דאָס אַ שמידער?
—אַ וואוילער בעל־מלאכה;
פאַר דער וועלט און מענשען
פול מיט מזל־ברכה;

הויבט די צוואַנג און לעגט דאָס אייזען,
אַזוי לאַנג ס'איז היים;
לאָמט דאָס פערד אין מיטען רייזען,
מוז מען דאָס פון שמערץ רעדלייזען —
שמידט מען דאָס אויפ'ניים.

אַזוי שלאָגט ער, הילעכט

אשמיד

שווייסט דעם פערד די טריט,
ביז מיר קענען ווײַטער,
און גאַלאָפּ דערמיט...

רעפריין:

וואָס מען איז און ווער מען איז...

הערשעלע.

שרעטעלעך.

דער נסתר.

איז אין אַלטע צייטען,
איז אַמאָל געוועזען
שרעטעלעך אין הייזער,
רוהל'עך, שאַלעמויזען.

האָבען זיי געטראָגען,
אויף די קעפּלעך קליינע
קאַפּעליושלעך=מיצלעך,
מיצעלעך אַזוינע.

זענען רייך געוועזען
קליינע די פּאַרשוינען,
האָבען אויסגעקליבען
אונטער דר'ערד צו וואוינען.

פלעגען זיי זיך האַלטען
אונטער דר'ערד אין שטיבער,
אין די מייזענלעכער,
אין די שטשורעס=גריבער.

דער נסתר.

שרעטעלעך

האָבען דאָרט געהאַלטען
קריגעלעך מיט פענדלעך
און אַזוינע טעפּלעך,
אָנגעשיט מיט רענדלעך.

און מיט גאָלד און זילבער
און מיט גוטע שטיינער,
און פון דער בעהעלטעניש
ניט געוואוסט האָט קיינער.

פלעג זיך אַמאָל מאַכען
אין די שטיל-ביינאַכטען,
פלעג מען דאַן דערזעהען
אַ שרעטעלע פערטראַכטען.

ס'פלעגט פון דר'ערד אַרויסגעהן,
שטיל אין שטוב שפּאַצירען,—
פלעגט מען עס פאַרנאַרען,
פלעגט מען עס פערפירען.

און אַליין גענומען
אין דער שטיל צו קוקען,
און אַזוי פאַמעלעך
שטיל צו דעם זיך רוקען.

דער נסתר.

שרעטעלעך.

ווער ס'איז קלוג געוועזען
האָט געלאָזט עס געהען,
איבער שטוב שפּאַצירען,
אובער שטוב זיך דרעהען.

און דערנאָך און פלוצים...
זיך א וואָרף געגעבען,
איז אין האַנד ביי יענעם
קאַפּעליוש געבליבען.

האָט גענומען רוה'ל
וויינען דאַן און קלאָגען,
און פאַר יענעם מע שען
קריגעלעך צו טראָגען;—

די מיט אַלעם גוטען
און מיט געלד און רענדלעך,
און די אַלע טעפּעך,
קריגעלעך מיט פענדלעך—

און פאַר אַ מענש געשטעלט זיך
קלאָגען זיך און בעטען,
צו די פיס אים פאַלען
און נישט אָבצוטרעטען.

דער נסתר

האָט דער מענש אים דעמאָלט
קאַפּעליױש געגעבען
און איז רײַך געבליבען
אױפ׳ן גאַנצען לעבען.

אָט אַזױ דערצעהלט מען
איז אַמאָל געװעזען —
שרעטעלעך אין הײַזער
רוח׳לעך, שאַלעמױזען.

צאַפּעלמענשעלעך.

י. ראַװין.

צאַפּעלמענשעלך פאַר קינדער
האָב איך צום פערקױפען;
קומט אַהער, אַהער, געשװינדער
אױף אײן פוס צו לױפען.

פון די קונצען, װאָס זײ מאַכען,
הױדען זיך און טאַנצען,
װעט אידר כאַ, כאַ, כאַ, כאַ לאַכען,
אין די אױגלעך גלאַנצען.

י. ראַװין.

אָט די לעבעדיגע ברעקלעך
אין קאָלירטע בגדים
מיט די רויט־געפאַרבטע בעקלעך
האַלט איך אויף אַ פאָדים.

גיב אַ ציה נאָר — גלייך אַ טענצעל
לעבעדיג און מונטער.
כאַפּט פאַר איך מיין צאַפּעלמענשעל —
וואונדער איבער וואונדער!

ווייסט איהר כאָטש, קונדסים ליבע,
וועמען כ'וויל זיי שענקען?
איך — איר זאָלט נישט זיין קיין טריבע —
וועל איך אָפּט זיי ברענגען.

קויפט, קויפט, קונים!

דער נסתר.

קויפט, קויפט, קונים,
איך האָב אײַך צו פֿערקויפֿען:
אַ פֿערדעלע, אַ װעגעלע
אויף רײַטען און אויף לויפֿען.

קומט, קומט, קונים!
מיר װעלען זיך נישט דינגען:
כ׳האָב מענשעלעך, פּאַיאַצעלעך,
װאָס ברעכען זיך און שפּרינגען.

פּאַיאַצעלעך און שמענדריקלעך
מיט קאַלפּיקלעך און גלעקעלעך,
מיט רויטע ברײטע הויזעלעך,
מיט אָנגעפּאַרבטע בעקעלעך.

כ׳האָב הינדעלעך און קאַטשקעלעך
און װעווריקלעך און האָזען,
כ׳האָב פּײַקעלעך און פּײַפֿעלעך,
פּוכירלעך אָנצובלאָזען.

דער נסתר.

שאָקעלוויג.

כ'האָב פידעלעך און צימבעלעך,
כ'האָב פויקען און טרומייטען.
איר קריגט זיי נישט אין ערגיץ ניט
אין אַלע שטעדט און קלייטען.

מאָ קומט־ושע, קומט־ושע, קונים'לעך,
בעקאַנטשאַפט מיט מיר מאַכען:
כ'האָב צאַצקעלעך און שפּילעכלעך
און אַלע גוטע זאַכען.

שאָקעלוויג.

י. ראַוויז.

צוגעבונדען נאָר די שטריק
אויף אַ צווייג פון בוים —
האָבען מיר אַ שאָקעלוויז
און מע ווינגט זיך שוין.

שטיל, פאַמעליך הויבט מען אָן,
איינס און צוויי און דריי,
אסתר ווייזט אונז, וואָס זי קאָן,
האַלט זיך דרייסט און פריי.

י. ראַוויז

פאר די הענדטעלעך און די רינגען

מאני-ליב.

פאר די הענטלעך און די רינגען
שענע, קליינע קינדער זינגען:

גאט געטרייער, גיב א רעגען
פאר די קליינע קינדערס וועגען!

ווייזט א וואלקען זיך פון אויבען,
נעמען זיך די פעלדער שטויבען.

און א רעגען פערל-ריין,
טריף-טראפ, טריף-טראפ—הויבט אן גיין.

נעמען פעלדער זיך צושפרייטען,
וויך צואקערטע אין בייטען—

ווערען גרינע קארען-זאנגען
פון די בייטען אויפגעגאנגען;

נעמט א טוי אויף זיי באלד פאלען,
ווארימט זיי די זון מיט שטראלען;

ווערען פעלדער געל, ווי גאלד,
פול מיט קארן, קארן-גאלד.

מאני-ליב.

נעמען פולע פורען פאָרען,
פורען פאָרען, פירען קאָרען

דורך די בערג און דורך די טאָלען
אין די מילען דאָס צו מאָלען;

מאָלען מירען, מאָלען שנעל
פון דעם קאָרען ווייסע מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הייוועז
און פערהייצט זיין גרויסען אויוועז,

ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקען,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקען.

קויפען מאַמעס ברויט דעם פרישען
און דערלאַנגען אויף די טישען:

עסען קינדער פרישען ברויט,—
זענען זיי געזונט און רויט...

מאני-ליב.

זייפענבלאָזען.

י. ראווין.

קינדער לאָזען
זייפענבלאָזען—
אי, איז דאָס אַ לעבען!
ווי זיי פינקלען,
ווי זיי שמינקלען,
ווען זיי פליען, שוועבען.

אויף זיי פאַלען
גלייך די שטראַלען—
זעהט נאָר, זעהט, קאָלירען!
ווי זיי גיסען,
ווי זיי פליסען
און די בלעזלעך צירען!

פֿייגעלע, פֿייגעלע.

פֿייגעלע, פֿייגעלע,
פֿי—פֿי—פֿי!
וואו איז דער טאַטע?
—נישטאָ הי!
ווען וועט ער קומען?
—מאָרגען פֿרי.
וואָס וועט ער ברענגען?
—אַ פֿרעשעלע ביר.
וואו וועט ער שטעלען?
—הינטער דער טיר.
מיט וואָס וועט ער צודעקען?
—מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר.
ווער וועט טרינקען?
—איך מיט דיר!

פיר צייטען פון יאָר

ש. לאַנדינסקי.

I

אײַז און פראָסט און שניי צורינען,
פעלדער הויבען־אָן צו גרינען,
בוים און בלום — צו שפּראָצען, בריען;
הימלען — בלויער, פויגעל פליען
אַהער צו אונז פון ווײַט —
ווי הייסט די שענע צייט?
— פרילינג!

II

צײַטיג ווערען גאָלד'נע זאַנגען;
בוים און שטרויך מיט פרוכט בעהאַנגען:
עפּעל, באַרען, קאַרשען, פלוימען...
לאַנדמאַן טוט די תבואה רוימען
פון פעלדער נאָנט און ווייט —
ווי הייסט די ליבע צייט?
— זומער

ש. לאַנדינסקי.

III

קירצער ווערען זונען־שטראַלען,
בלומען וועלקען. בלעטער פאַלען,
טרויריג רוישען קאַלטע ווינדען,
פויגעל פרעהליכע פערשווינדען
זיי פליען־אָב גאַנץ ווייט—
ווי הייסט די גרויע צייט?
— הערבסט!

IV

אײַז און פראָסט און טיפע שנייען,
קאַלטע ווינדען וואָיען, וועהען;
גליטשיג איז דער טײַך—פערפראָרען;
גלײַך די וועלט וואָלט געהן פערלאָרען
אין שנייען טיף און ווײַט—
ווי הייסט די קאַלטע צײַט?
- ווינטער

אין אַ שטעדטעלע אין ליטא.

מ. בראָדערזאָהן

אין אַ שטעטעלע אין ליטע,
אין אַ שטוב אַנ׳אויסגעווייסטער
האָט געלעבט אַ יוד אַ פרומער —
מלך־לייב דער ווייגערמייסטער!

מלך־לייב דער בעל־מלאכה
האָט געהאַט אַ סך הצלחה —
אַ ברילּיאַנטעלע אַ טאָכטער,
גאָט׳ס אַ קינד, אַ מזל־ברכה.

זיצט ער, אַרבייט ער און אַרבייט,
און ער ברומט זיך שטיל אַ נגון;
און זיין פלונית פרובט פאַמעלעך
ס׳עופ׳עלע אין שלאָף פערוויגען.

ליגען ליגט דאָס קינד און שמייכעלט
מיט די קערשעלעך — די ליפען;
אירע בעקעלך האָט אַ מלאך
אינ׳ם דרעמלען אָנגעקניפען.

מ. בראָדערזאָהן.

קוקט די מאַמע, האָט הנאה,
ווי דאָס טעכטערל טוט וויגען:
ס׳קינד צו־שמייכעלט זיך אין׳ם חלום,
צוגעמאַכט די מלאך־אויגען.

און די מאַמע שמייכעלט, שמייכעלט
מיט דער קליינטשקער צוזאַמען. —
— לאָמיר גאָט אין הימעל בענשען,
וואס זי שמייכעלט צו דער מאַמען!

מ. בראָדערזאָהן.

די שפּערלינגען און די שוואלבען.

ש. לאַנדינסקי.

די שפּערלינגען:

—אידער פלאַטערט, ווי פון שטייג בעפרייט,
אין הימלען בלויע הויך און ווייט;
פערלאָזט דעם טייך, דאָס פעלד, דעם בוים
אידער זוכט פאַר זיך אַ נייע היים—
און הפקר בלייבט די שוואַלבען=נעסט
פאַר ווערעם, פליג און אַנד'רע געסט...
חברים! ווי איז אייך נישט באַנג,
צו שיידען זיך אייף לאַנג, אָ, לאַנג?

די שוואַלבען:

—ווינטער=פויגעל, שפערלינג גרויער,
פרעמד איז אונז דיין אלול=טרויער,
אינפערשטענדליך קלינגט דיין וואָרט:
נישט מיר זוכען היימען נייע—
ניין! מיר זענען שוואַלבען פרייע,
וואו אונז לעבט זיך—היים איז דארט!

ש. לאַנדינסקי.

דאָס קאָוועַנדל

ל. קוויטקאָ.

איך האָב אַ שטיקעל ערדעלע
ביי אונז נעבען דעם פלויט,
צואַקערט כ'האָב דאָס שטיקעלע,
אַ קערעל כ'האָב פערזייט.

פערטריקענט כאָטש דאָס קערעלע,
געוואַלגערט אונטער טריט,
האָט דאָך פאָרט אַ בלעטעלע
פון דעם אַרויסגעבליט.

געגאַנגען רעגענס, רעגעלעך—
דאָס בלעטעל ווערט אַ בלאַט,
דער בלאַט צית-אויס גאָר פינגערלעך
און ווערט אַ גאַנצער לייט.

נאָך רעגענס און נאָך רעגעלעך,
נאָך זונען און נאָך ווינד,
און די בלעטער, בלעטעלעך
געבווירען גאָר אַ קינד!

ל. קוויטקאָ.

דאָס קאַווענדל

אַ קאַווענדל, אַ קליינינקעס,
אַ קײַלעכדיגס, אַ גרינס,
האַלט זיך בײַ אַ האָדענע
מיט העלזועלע אַ דינס.

ביז איינמאָל נאָך אַ וואַרעמעס,
איך גיב אַ שפּרונג צום אָרט,
טרעף איך שוין קיין קאַווענדל,
נאָר שוין אַ קאַווען דאָרט.

מיט פּאַסיקלעך, מיט שטרײַפּעלעך—
און מיט אַ ווײַסער באַק.
איך פּרוב עס צווישען קגיעלעך,
האַ־האַ! דאָס טוט אַ קנאַק!

איך האָב געכאַפּט אַ מעסערל,
געטאָן אַ ריר, און טראַך!—
דער קאַווען איז צופּאַלען זיך—
אָ, דימענטען אַ סך!

אַ האַלבס געשענקט דער שוועסטערל,
אַ האַלבס פֿאַר מיר אַליין.
ס'איז יעדער אויף מײַן קאַווענדל
מקנא מיר געווען.

ל. קוויטקאָ.

לאַנג שוין נאָכ'ן קאַווען גאָר—
געבליבען שיסלעך צוויי.
האָב איך פאַר די הינדעלעך
אַ טרונק געשטעלט אין זיי.

און פון די שוואַרצע קערעלעך
געמאַכט האָב איך אַ פיר
ביימשלעך שענע פערעלעך—
מיין שוועסטער אַ בעציר.

אָ, טייער איז, אַנ'אוצר גאָר,
אַ, קליינינק-פּיצעל ערד!
און זעהט-זשע, ליבע ברידערלעך,
וואָס פון אַ קערעל ווערט!

פאַר די קליינע קינדערסוועגן

(וואָס דערציילן די פיר־אַלט־יאָריקע ?)

פינפאונצוואַנציק געשיכטעס

דערציילט, געזאַמלט און איבערדערציילט

דורך

יעקב פאַט.

ג.ויסער אָריגינעלע געשיכטעס, זיינען די איבעריקע גע-
שאַפן געוואָרן פון די מאָטיוון פון פרידריך דערפעל, ראַ-
בינדראַנאַט טאגאָרא, קאַטול מענדעס, טוזמאַן, לאגעלעף,
מאצקעוויטש, אלעקסאַנדער בלאָק, סערגיי גאָראָדעצקי,
ברידער גרים, ל. נ. טאָלסטאָי, היינריך שארלמאַן, ש. אַש.

אילוסטרירטע קינדערביבליאָטעק

פֿאַרלאַג א. גיטלין.

אַרויס פֿון דרוק:

1) די גליקליכע קינדעריאָרן — היינריך שאַרלמאַן.

2) אין דאָרף מיכאַילאָווקע — יאַנוש קאָרטשאַק.

3) דער בער — — — — — ק. טעטמייער.

4) קיין ערגעץ־לאַנד — — נאָך י. ל. פּרץ.

5) יואליק — — — — — — יעקב פאַט.

6) ער איז אַוועק — — — —

7) מאיא — — — — — — —

8) די שניי־מלכּה — — — —

9) אין שענסטן יום־טוב —

10) אַ מעשה מיט אַ רבֿ —

11) דער שמש און דער נגיד

12) דער לייב — — — — —

13) דער פּרינץ — — — — — ל. מלאך

14) אַ חלום פֿון אַ מיידעלע — " "

15) פֿאַר די קליינע קינדערסוועגן — יעקב פאַט.

די נייסטע ווערק אויפן יידישן ביכערמאַרק!

אַלע ווערק פון זשול ווערן

זשול ווערן איז נישט בלויז דער גרויסער וועלט-שרייבער, נאָר אויך דער גרויסער וועלט-לערער. זיינע ווערק זענען אַ געוואַלדיקע עשירות פון פאַרגעניגן און גלייכצייטיק אויך אַן אוצר פון חכמה און וויסן. מיר לייענען אים אין דער יוגנט, מיר לייענען אים אין די דערוואַקסענע יאָרן און מיר לייענען אים אויף דער עלטער. ער איז פאַר אַלע פעלקער, פאַר אַלע צייטן און פאַר יעדער עלטער און געשלעכט.

דערווייל זענען דערשינען 13 גרויסע בענדער:

אויף די וועגן פון דער וועלט,
וויסנשאַפטל. ראָמאַן (2 בענדער) 9.— זל.

קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער,
וויסנשאַפטל. ראָמאַן (2 בענדער) 9.— „

אויפי שאַנסעלאָר,
אַ געשיכטע פון אַ טראַגישער נסיעה (1 באַנד) 4.50 „

דעם צאַרס קוריער
סיבירישע אייזנבאַן (1 באַנד) 4.50 „

איז דער הימלישער אימפעריע,
וויסנשאַפטלעכער ראָמאַן 4.50 „

מענטש און ווונדער, (צווישן הימל און וואַסער)
גרויסער וויסנש. ראָמ. (3 בענדער) 13.50 „

די שולע פון די ראָבינזאָנס,
וויסנשאַפטלעכער ראָמאַן 6.— „

אונטער דער זון פון אַפריקע,
גרויסער וויסנשאַפטלעכער ראָמאַן (2 בענדער) 10 „

Księgarnia E. GITLIN, Warszawa

Nalewki 1. P. K. O. 5299.

אלע ווערק פון מיין=ריד
ביז איצט דערשינען

I	א שפיל מיטן טויט — — — — —	4.50
II	א קאמף מיטן לויתן — — — — —	4.50

אלע ביכער פיין געדרוקט, אויף
גוטן פאפיר, שיין ארויסגעגעבן.

פארלאג — בוכהאנדלונג
E. Gitlin, Warszawa, Nalewki 1
(Kramy Nalewkowskie)